י. י. לערנער

אַ ביסל פאַר-געשיכטע פון יידישער קריטיק

די געשיכטע פון דער יִדישער קריטיק הייבט זיך אָן מיט אַלעק־סאַנדער צעדערבוימס „יודישע ביבליאָגראַפיע", געדרוקט דעם 10טן יוני, 1869, אינעם 22טן נומער „קול מבשר". פון דעמאָלט אָן באַ־ווײַזן זיך אין „קול מבשר" נאָטיצן און אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור. אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך ניט באַשטימט די דאַטע — דעם 10טן יוני 1869 — ווי דעם אָנהייב פון יִדישער קריטיק. ניט קיין קלענערע ראָלע האָט דאָ געשפּילט אַ בפירושע כוונה בײַ אונדזער ערשטן קרי־טיקער. די כוונה איז געווען אויפצושטעלן אַ מחיצה צווישן די ניצלעכע ווערק, „וואָס קומען אַרויס פון טיכטיקע שרײַבערס", און די שעדלעכע, די „צוועקלאָזע חיבורים".

נאָך צעדערבוימען נאָך, איז די גאַנצע יִדישע ליטעראַטור ביזן „קול מבשר" געווען אַזאַ, וואָס האָט ממש אומגליקלעך געמאַכט „דעם געמיינעם עולם" און די „די ווײַבער". די אַלע ספרים, וואָס מען האָט געדרוקט אין „אונדזער פּראָסט יִדישע (זשאַרגאָן) ליטעראַטור" — תנ"ך, סידורים דאָס טײַטש־חומש מיט לעגענדעס און מדרשים, מוסר־ספרים, דינים, תחינות און בבא־מעשות — „האָט טאַקע דעם געמיינעם פאָלק אײַנגעפּלעמט ערפורכט פאַר גאָט, איינדאַכט בײַם דאַווענען, אָבער פאַרמישט מיט דעם גרעסטן אָבערגלויבן, מיט שרעקלעכע שטור־מים, מיט פּרוכטבאַרע שילדערונגען פונעם גיהנום און זינלעכע תענו־גים אינעם גן־עדן". און דאָס האָט „פאַרדאָרבן בײַם פאָלק דעם געשמאַק פאַר די אינהאַלטרײַכע געבעטן, די הייליקע שריפטן..." מחמת די אַגדות, וואָס די מחברים „האָבן אײַנגעוועבט" אין די פּסוקים, האָט מען בפירוש ניט געוווּסט וואָס עס שטייט אין דער תורה „און די שווער־מערישע פאַנטאַזיע איז גערייצט געוואָרן". אונדזער לירישער רעלי־

גיעזע פּאָעזיע, די איידעלע תחינות, האָלט צעדערבוים פאַר אַ „געֵ־שוועץ". וועגן דעם חסידישן פאָלקלאָר, וואָס איז אויפגעקומען בערך אין מיטן 18טן יאָרהונדערט, האָט ער קיין איין גוט וואָרט ניט צו זאָגן. פאַר אים איז דער גאַנצער חסידישער פאָלקלאָר און חסידישע וואָרט־קונסט — „איין ליגן גרעסער פון דעם אנדערן".

דער משכּיל צעדערבוים איז געווען זיכער — דאָס אַלץ טוט אָן דעם עולם נאָר גרויסן שאָדן. די אַלע פריערדיקע ווערק „הינדערן זיי צו האָבן ריינע בירגערלעכע געפילע, צי צו זאָרגן פאַר זיך און זייערע קינדער". „מאַנכע געבילדעטע מענטשן" האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען. עס האָט זיי ממש געבלוטיקט דאָס האַרץ צוזען ווי אַזוי מען פאַרפירט עס דאָס פּראָסטע פאָלק. האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַבן „אין דעם איי־גענעם זשאַרגאָן ריינערע מעשׂות, טעאַטערע, זאַגאַר ראָמאַנען, געדיכטע וכדומה". און יענע צווישן די „מאַנכע געבילדעטע מענטשן", וואָס האָבן עס ניט געטאָן „פאַר שפּאַס", „האָבן גאָרניט געדענקט אַזעלכע שריפטן אַרויסצוגעבן". זיי האָבן זיך געשעמט צו ווערן שרײַבער „אין דעם אָרעמען זשאַרגאָן".

מיטן „קול מבשׂר" — שרײַבט ווײַטער צעדערבוים — איז אויפ־געקומען אַ דור ניצלעכע שרײַבער. געווען אויך פאָלקס־מענטשן און דווקא פּעזיקע, וואָס די לאַגע פון לײַדנדיקן פאָלק האָט זיי גאָרניט אינטערעסירט. „בײַ אַ טייל איז זשאַרגאָן געוואָרן אַ שפּעקולאַציע". באַקלאָגט זיך צעדערבוים. די משכּילים האָבן טאַקע באַטראַכט אָט־די אויפגעקומענע „פאַרווײַלונג־ליטעראַטור" מיטן גרעסטן עקל. דעם גרעסטן שונא אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זיי געזען אין „די העכסט אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען. פאַר זיי איז דאָס געווען אַן אָנגעווייטיקטע פראַגע, אַ ברענענדיקע גזעלשאַפטלעכע פּראָ־בלעם. און כּדי דאָס צו באַקעמפן האָט דער ווײַט־זעענדיקער מושׂכּלם צעדערבוים דערפילט, אַז מיט קריטיק וועט ער קענען באַקעמפן די מגפה פון יענע שריפטן, וואָס די שרײַבער טרײַבן מיט זיי שפּעקולאַציע. ער זאָגט־צו ער וועט אינגאַנצן ניט דערמאָנען די שעדלעכע ביכער. ער וועט בלויז שרײַבן איבער „די וואָס קומען אַרויס פון טיכטיקע

שרײַבער: ווי ה"ה דר. עטינגער ע"ה, גאָטלאָבער, אַבראַמאָוויץ, בינ־שטאָק, דיק, גאָלדפאַדען, לינעצקי וכדומה".

אָט פון דער געזעלשאַפטלעכער נויט איז געקומען די ייִדישע קריטיק. ווי מיר זעען, איז זי געקומען מיט אַ באַשטימטער כוונה און מיט אַ באַשטימטע שליחות. ווען אָט־דער עלעמענט איז געוואָרן צע־דערבוימען באַוווּסט, האָט דאָס אים געשטויסן אָנצוהייבן צו שרײַבן קריטיק. קומען מיר צוריק צו אונדזער ערשטער באַהויפּטונג. מיט זײַן „יודישע ביבליאָגראַפיע" האָט צעדערבוים אָנגעהויבן שאַפן ייִדישע קרי־טיקער.

עס איז אָבער אויך פאַראַן אַביסל פאָרגעשיכטע. די פאָרגעשיכ־טע איז פאַרבונדן מיט צוויי דאַטעס — מיטן יאָר 1866 און מיטן יאָר 1867. אין יאָר 1866 געפינען מיר צופעליקע שורות מיט אַ קריטישן אינהאַלט. און דאָס יאָר 1867 איז פאַרבונדן מיט אַ באמת רייפער קרי־טישער ארבעט, אָבער אַן ארבעט וואָס איז ארויס גאָר אין רוסיש, נים אין ייִדיש.

אין יאָר 1866 איז אין „קול מבשר" געווען אָפּגעדרוקט אַ נעקראָ־לאָג וועגן ישראל אַקסענפעלדן („קול מבשר", נומ. 26, שפּאַלטן 401—404). דער מחבר פון דעם נעקראָלאָג איז געווען אַלעקסאַנדער צעדער־בוים. ער האָט זיך אונטערגעשריבן — ארז. דער מחבר האָט זיכער ניט געהאַט די כוונה צו שרײַבן אַ קריטיק וועגן אַקסענפעלדן. ווי מיר האָבן באַמערקט, כוונה שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע בײַ צעדערבוימען. די עט־לעכע שורות קריטיק וועגן אַקסענפעלדס ווערק זיינען ניט מער ווי אגב־אורחאדיקע באַמערקונגען. אין „המליץ", 1861, נומ. 40, איז פאַראַן אַ פוסנאָטיץ צום ארטיקל „גוי אשר צדקה עשה". שרײַבט דאָרטן צע־דערבוים, אין דער פוסנאָטיץ, וועגן אַקסענפעלדס זין. א. ב. גאָטלאָבער דערמאָנט בלויז אַקסנפעלדן אין „המגיד", 1859, ז. 131.

צעדערבוימס נעקראָלאָג וועגן אַקסענפעלדן פאַרנעמט איבער דרײַ שפּאַלטן אין „קול מבשר". דאָרטן זיינען אין גאַנצן פאַראַן ניט מער ווי עטלעכע שורות, וואָס באַהאַנדלען קריטיש אַקסנפעלדס ווערק. אָט זיינען זיי:

„אלע זיינע ראָמאַנען און טעאַטערע זיינען אמתע מעשיות און די קאַראַקטערע זיינע געשילדערט פון מענטשן וואָס מען האָט זיי געקענט, נאָר נאַטירלעך אַזוי אויסגעשטעלט, עס זאָל פּאַסן און יעדער זאָל דרינען געפינען אַ מוסר און דערקענען די פעלערן פון גאַנצע קלאַסן ענלעכע מענטשן".

דער גאַנצער פּאַראַגראַף פאַרנעמט אַ האַלבע שפּאַלט. די איבע־ריקע שורות זיינען אַ געמיש פון ביאָגראַפישע און ליטעראַטור־היסטאָ־רישע באַמערקונגען:

„חוץ וואָס ער האָט נאָך געקענט גרסא דינקותא און גוט לשון־קודש, דייטש, אויך רוסיש און פּויליש, האָט ער געוואָלט ניצלעך זיין זיין נאַציע מיט זיינע פאָלקסקענטעניסע און האָט ניט געזוכט זיך באַרימט צו מאַכן אין אַנדערע שפּראַכן וואָס זיינען יודן ניט צוגענגלעך, בעזאָנדערס דעם פאָלק. נאָך דערצו אין יע־נע צייטן, ער האָט געפּאַסט שוין לאַנג די גוטע אידעע זיינע אמתע מעשיות, זיינע וועלטקענטניסע און זיין געניטשאַפט אין אַלע יודישע זיטן, אויף פּראָסט יודיש צו שילדערן, דערצו האָט אים זיין אויסגעצייכנטער געזונטער מענטשנפאַרשטאַנד און די בעלעזנהייט אין אייראָפּעישע ניצליכע שריפטן, געדינט, אַז ער האָט געשריבן אויסגעצייכנטע יודישע געשיכטלעכע און זיטען־שילדערנדע ראָמאַנען און טעאַטערע, וואָס דינען פאַר אַ וואָרן שפּיגל פון יודישע געמיינדע־ און פאַמיליען־אַנגעלעגנהייטן. דען חסידיסמוס האָט ער גוט געקענט, וואָרין ער האָט אַליין געדינט אין דער פאַך. די געבילדעטסטע מענטשן האָבן מיט פאַרגעניגן געלעזן זיינע שריפטן, ער איז געוועזן אַ וואָרער פאָלקסדיכטער".

און ער פאַרענדיקט דעם פּאַראַגראַף מיט די ביבליאָגראַפישע באַ־מערקונגען:

„פון אַלע זיינע שריפטן זיינען נאָר די קלענסטע צוויי טע־אַטערע „דער ערשטער יודישער רעקרוט" (וואָס איז צו קריגן הי ביים דר. גאָלדענבלום) און „דאָס שטערנטיכל" (וואָס איז אָבער דורך געוויסע אומשטענדע ביז איצט ניט אַרויסגעקומען צום פאַר־קויפן),ביידע אין לייפּציג געדרוקט. אויסערדעם איז געבליבן אַ

גאַנצער קאַסטן גרויסע און קליינע פּערטיגע חיבורים וואָס וואָל־
טן זייער ניצלעך געווען פאַר דעם פאָלק. עס וואָלט זייער רעכט
געווען עס זאָל זיך מאַכן אַ געזעלשאַפט די ניצלעכע שריפטן אָפּ־
צודרוקן, מען וואָלט דערמיט דעם פאָלק זייער פיל גענוצט".

די איבעריקע צוויי און האַלב שפּאַלטן גיט צעדערבוים אָפּ אויף
פּרטים וועגן אַקסענפעלדס ביאָגראַפיע (יוגנט, בילדונג, געשעפטן, פאַ־
מיליע־לעבן, וועגן דעם, אַז אַקסענפעלדס הויז איז געווען אַ בית ועד
לחכמים, „און פון דאָרט איז אַרויסגעגאַנגען צדקה און געפעליקייטן פאַר
פילע ליידנדע"). נאָכדעם קומען פּרטים וועגן אַקסענפעלדס דריי זין,
וואָס ער האָט געשיקט שטודירן אין אויסלאַנד (היינריך — דעם מאָלער,
אַלכסנדר — דעם מעדיצין־פּראָפעסאָר, יאַקאָב — דעם זשורנאַליסט
און מחבר פון פּאָליטישע שריפטן). ביים סוף באַשרייבט ער אַקסענ־
פעלדס לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן ביי די קינדער אין פּאַריז.

מיר האָבן פריער דערמאָנט אַ צווייטע דאַטע אין שייכות מיט דער
פאָרגעשיכטע פון יידישער קריטיק, — דאָס יאָר 1867. אין יענעם
יאָר איז אַרויס י. י. לערנערס קריטישער אַנאַליז איבער אַקסענפעלדס
ווערק. דאָס איז שוין אמתע קריטיק. מען טאָר עס אפילו ניט פאַר־
גלייכן מיט צעדערבוימס ערשטע פּרווון. עס פאַרשטייט זיך — לער־
נערס קריטיק איז דורכגענומען מיטן גייסט פון די 60־ער יאָרן אין
רוסלאַנד. צווישן אַנדערע זאַכן זיינען דאָרטן פאַראַן אַנאַליז, דערקלע־
רונג, באַווייזן, אידעע און אפילו עסטעטישע הנחות. אויב מען זאָל
משפּטן וועגן זיין אַקסענפעלד־קריטיק נאָך דער קוואַליטעט נאָך, קומט
לערנערן די בכורה ווי דער ערשטער קריטיקער אין דער יידישער לי־
טעראַטור. ער האָט זיין אַנאַליז איבער אַקסענפעלדס ווערק געשריבן
מיט צוויי יאָר פריער איידער צעדערבוים האָט איינגעפירט אין „קול
מבשר" די „ביבליאָגראַפישע נאָטיצן". אמת, לערנער האָט דעם אַנאַ־
ליז געשריבן אַ יאָר נאָכדעם ווי צעדערבוים האָט אָנגעשריבן זיין נע־
קראָלאָג איבער אַקסענפעלדן. אָבער צעדערבוימס כוונה איז געווען צו
שרייבן אַ נעקראָלאָג און ניט קריטיק. חוץ דעם — אין פאַרגלייך מיט
לערנערס „אַנאַליז" — קען מען די עטלעכע שורות „קריטיק" אין צע־
דערבוימס נעקראָלאָג ניט פאַררעכענען פאַר אַן אמתן אָנהייב. דאָך איז

אַ פראַגע, צי מיר קענען אָננעמען לערנערס „אַנאַליז" ווי דעם אָנהייב פון יידישער קריטיק, מחמת עס איז ניט געשריבן אין יידיש און איז אַרוים גאָר אין רוסיש.

לכתחילה האָט י. י. לערנער געשריבן דעם אַנאַליז אין העברעיש ווי אַ בריוו אין „המליץ". געשריבן האָט לערנער די דאָזיקע קריטיק אין בערסאָן, דעם 20טן יולי 1867. צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", האָט די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג ניט געוואָלט דרוקן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזויפיל דרך־ארץ פאַר אַקסענפעלדן. האָט עס לערנער אַליין איבערגעזעצט אויף רוסיש און געקראָגן די דער־לויבעניש פון דער צענזור דעם 20טן אָקטאָבער 1867 (ווי דאָס איז אָנגעוויזן אין דער געדרוקטער בראָשור). און די בראָשור גופא איז אַרוים — אין רוסיש — אין יאָר 1868 מיט אַ לאַנגן טיטל אויפן שער־בלאַט:

Критическій разборъ (появившихся недавно на еврейско-немецкомъ жаргоне сочиненій И. Аксенфельда) и направленія ихъ вообще.

(אַ קריטישער אַנאַליז וועגן י. אַקסענפעלדס ווערק און וועגן זייער ריכ־טונג בכלל, וואָס זיינען נישט לאַנג צוריק אַרוים אויפן יידיש־דייטשן זשאַרגאָן).

היסטאָריש איז אפשר צעדערבוים דער ערשטער יידישער קריטי־קער. אויב אָבער מען זאָל משפטן נאָך דער קוואַליטעט נאָך, קומט בלי ספק די בכורה לערנערן, הגם ער האָט זיין ערשטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער יידישער ליטעראַטור געשריבן אין העברעיש און עס אַרויסגעגעבן אין רוסיש. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, די דאָזיקע צוויי פּרטים — די דאַ־טעס 1866 און 1867 — געהערן צו דער פאָרגעשיכטע פון דער יידישער קריטיק.

דער יסוד פון לערנערס קריטיק

אַלכסנדר צעדערבוים איז געווען אַ פּראַקטישער טוער, אַ פּרימיטי־ווער פּראַקטיקער. קיין סך סתירות האָט ער נישט געזען ביי זיינע אייגענע בני־דור משכילים. אויב עמיצער, נישט פון די גרויסע חשובים, האָט גע־וואָגט זיך שטעלן קעגן אים אָדער קעגן די אָנגענומענע מיינונגען, איז

ער געווען אין צערערבוימס אויגן פּראָסט־פּשוט — אַן עזות־פּנים. און דאָס, וואָס ער פּלעגט זיך אַליין סותר זײַן, דאָס האָט אים ווייניק־וואָס אינטערעסירט. בלויז איין מחשבה האָט אים באַוועלטיקט: ברענגען נוצן זײַנע ברידער. ווי אַזוי, וואָס, ווען — דאָס האָט אים נישט געאַרט. ווי דער מאָמענט פאָדערט, — אַזוי האָט ער געהאַנדלט. דעריבער האָט ער הײַנט געקענט שרײַבן פּונקט פאַרקערט, ווי ער האָט געשריבן מיט אַ קורצער צײַט פריִער. און אויף מאָרגן — באַפאַלן דאָס, וואָס ער האָט נעכטן פאַרטיידיקט. ער האָט פאַרמאָגט די פעיִקייט זיך זייער שנעל אָריענטירן אין נײַע געשעענישן. ער פלעגט ממש דערשנאַפּן יעדן נײַעם ווינטל. און געהאַט האָט ער אַ חוש פון אַ זשורנאַליסט, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אויבנאויף. די טיפערע פּראָצעסן אין יִיד. לעבן, בפרט אין די 60־ער יאָרן — דאָס האָט ער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נישט געזען די נײַע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען און פאָדערונגען, וואָס האָבן געזוכט אויס־דרוק. ער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען די שינויים אינעם יִידישן לעבן, ווו עס האָט זיך געהאַלטן אין אויספורעמען אַ נײַער קלאַס אינטעליגענץ. פאַרקערט — נישט אינערלעכע פּראָצעסן האָבן געזאָלט אויספורעמען דאָס יִידישע לעבן, נאָר די ישועות און נחמות קענען בלויז קומען פון איין קוואַל: פון אונדז אַליין. פאַר אונדז בלײַבט בלויז איין זאַך צו טאָן און אָט־די זאַך וועט אַלץ פאַרענטפערן: מיר מוזן ווײַזן, אַז מיר ווילן זײַן „ניצלעכע און טרײַע רוסישע אונטערטאַנער". און טאָמער האָט אַ יִיד געקראָגן ערגעץ־ווו די מינדסטע אָנערקענונג מצד דער רעגי־רונג, איז דאָס געווען אַן אײַזערנער באַווײַז: אָט באַלוינט די רעגירונג יעדן „נוצלעכן, טרײַען אונטערטאַנער". קומען צו אַלגעמיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע אויספירן אויפן סמך פון אַ פּאַראײַנצלטער געשעעניש, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַן איינצלנעם יִידן, — דאָס איז געווען כאַ־ראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר צערערבוימען, נישט נאָר פאַרן „קול מבשר", נאָר פאַר אַ סך מענטשן אין יענער צײַט.

אין זײַן אָפּהאַנדלונג „דער „קול מבשר" און זײַן צײַט" („יִידישע וועלט", ווילנע, נומ' 2, 1913, ז"ז 89־90), ברענגט צינבערג אַרויס, ווי נאַיוו די משכּילים זײַנען געווען אין די 60־ער יאָרן בנוגע אַזעלכע איינ־צלנע פאַלן. „די אמונה — שרײַבט צינבערג — אַז דער יִידישער „מזל"

וועט באַלד „דערהייכט ווערן", איז געווען אַזוי גרויס, אַז די מינדסטע קלייניקייט איז געווען געגנוג, אונדזערע משכילים זאָלן מיט גרויס התלהבות גלײַך צעפּויקן בכל תפוצות ישראל וועגן די גרויסע גנאָדן וואָס די רע־גירונג טוט, האָט בדעה צו טאָן פאַר ייִדן".

„אָט, שרײַבט צינבערג, מעלדעט דער „קול מבשר" מיט גרויס שמחה אין אָנהייב נומער: „אונדזער רעגירונג מיינט טאַקע ערנסט מיט אונדז ייִדן". באשר בכן, עפּעס איינער אַ יאָזעף לעווינזאָן „קאַנדידאַט פון דער קייזערלעכער מאָסקווער אוניווערסיטעט, איז ביז איצט געווען מלאַדשי טשינאָווניק אָסאָביך פּאָרוטשעני בײַם כערסאָנער גובערנאַטאָר, איצט איז ער שוין סטאַרשי טשינאָווניק און איז באַשטעטיקט געוואָרן אין טשין (ראַנג) קאָלעזשסקי סעקרעטאַר" („קול מבשר" 1866, נומ' 12). אָט איז ווידער דער „קול מבשר" מכריז און מודיע, אַז „אַלע טעג זעען מיר מער און קריגן נײַע באַווײַזן" אא"וו... און דער נײַער באַווײַז באַשטייט דערין, וואָס עפּעס אַ סוחר שטיינפינקעל האָט מען אָנערקענט פאַר אַן ערנבירגער (דאָרט, נומ' 31). עפּעס אַ ייִדישע ווײַבל האָט באַקומען אַ מעדאַל דערפאַר, וואָס זי האָט געראַטעוועט דאָס לעבן אַ קריסטלעך מיידל, בעת יענע האָט זיך געטרונקען. דער קאָרעספּאָנדענט, וואָס ברענגט די דאָזיקע ידיעה, האַלט פאַר נייטיק דערביי צו באַמערקן: „פאַר ייִדן בכלל וועט זײַן אַ כבוד, זי וועט פון גאָטס געוויילטן אין אונדזער לאַנד האָבן אַ צייכן, אַז ער ווייסט, וואָס אַ ייִדיש הארץ איז אימשטאַנד צו טאָן פון אַ מענטשנס וועגן אפילו פון אַן אַנדער נאַציע" („קול מבשר" 1867, נומ' 36).

„די דאָזיקע פּרטים — פירט אויס צינבערג — זײַנען אָבער כאַ־ראַקטעריסטיש נישט אַזוי פאַר דעם „קול מבשר" גופא, ווי פאַר דער גאַנ־צער עפּאָכע. ענלעכע התפעלות בײַ יעדער קלייניקייט האָבן ארויסגעוויזן נישט בלויז די העברעיִשע בלעטער פון יענער צײַט, נאָר אפילו דער מער אייראָפּעיִשער „סיאָן"."

צו גאָר אַן אַנדער שיכט אויפגעקלערטע געהערט י. י. לערנער. ער און זײַנע חברים לדעה זײַנען געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער ווי דער צע־דערבוים־מין בירגערלעכע משכילים. ער איז סיסטעמאַטישער נישט נאָר אין וויסן נאָר אויך אין זײַן שרײַבן. ער האָט אַן אייגענעם בליק אויף

דער וועלט. זײַן אַני־מאַמין האָט אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג, זײַן קריטיק איז אויסגעהאַלטן, איז אין הסכּם מיט זײַן בליק אויף געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פּראָצעסן. ער געהערט צום פּראָגרעסיוון פליגל שרײַבער אין די 60־ער יאָרן. פאַר יענער צײַט איז ער אַ מאָדערניסט. אים זײַנען לחלוטין נישט פרעמד די דערגרייכונגען פון זײַן עפּאָכע. ער איז לאָגיש אין זײַנע הנחות, און פּונקט אַזוי לאָגיש, — מע קען אפילו זאָגן, — אַרכיטעקטאָניש לאָגיש, איז ער, ווען ער וויקלט פאַנאַנדער אַ טעמע און מאַכט די אויספירן.

זײַן בליק אויף קריטיק, דער עובדא פונעם שרײַבער, אויף ייִדיש, פאָלקלאָר און ייִדישן טעאַטער — דאָס אַלץ שטראָמט אַרויס לאָגיש פון זײַנע באַגריפן וועגן ייִדישן לעבן. ער איז, אגב, אַ פּיאָנער נישט נאָר אין דער קריטיק, נאָר אויך אין ייִדישן פאָלקלאָר, ייִדישיזם און אין קאַמף פאַר אַ בעסערן ייִדישן טעאַטער.

אין זײַן ערשטער קריטישער אָפּהאַנדלונג — וועגן אַקסענפעלדן — געפינען מיר עטלעכע אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן דעמאָלטיקן דעמאָקראַטיזם. אַקסענפעלדס ווערק האָבן אים געדינט ווי אַ באַווײַז, „אַז דאָס ייִדישע פאָלק שפּאַנט פאָרויס צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט און אין אַלע אופנים באַוועגט זיך עס אין גײַסט פונעם 19טן יאָרהונדערט". און דאָס, אגב, שרײַבט ער, האָט אים באַוויזן איבערצוזעצן זײַן „אַנאַליז" אין רוסיש פאַרן רוסישן לייענער.

און פאַר זײַן הנחה האָט ער אַזאַ באַגרינדונג:

„דער 19־טער יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס באַזונדערס דערמיט, וואָס מיט זײַן אָנקום האָט מען אָנגעהויבן פּאָפּולאַריזירן די וויסנשאַפטן, אַזוי אַז די אויפקלערונג זאָל אָננעמען אַ מער אַלגעמײַנעם כאַראַקטער. ס'איז שוין אַוועק יענע ביטערע צײַט ווען וויסנשאַפט און קונסט זײַנען נאָך נישט אַרויס פון די ווענט פון די אוניווערסיטעטן און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, און ווען זיי זײַנען געווען צוגענגלעך בלויז דער סאַמע אומבאַדײַטנדיקער צאָל מענטשן, בעת דער פּילצאָליקער אָרעמער מאַסע איז די נייטיקע בילדונג געבליבן פרעמד, און זי (די מאַסע) האָט געשימלט אין שרעקלעכסטער עם־הארצות. מיר זײַנען שוין איצט געקומען צו אַזעלכע איבערצײַגונגען, וואָס מיר קענען בשום אופן

נישט אָנערקענען ציוויליזאַציע אין אַ פֿאָלק, וואָס זײַן ליטעראַטור איז באַצירט מיט מוסטער־ווערק פֿון עטלעכע באַוווּסטע שרײַבער, וואָס פֿלעגן אויסשעפּן אַלע זייערע טאַלאַנטן אויף צו שאַפֿן געקינצלטע עלעגיעס וועגן דעם טויט פֿון העלדן, געפֿאַלענע אויפֿן שלאַכטפֿעלד, אָדער אויף צו פֿאַרפֿאַסן ראָמאַנען, וואָס זאָלן פֿאַרזיסן דאָס לעבן פֿון די תּקיפֿים אין אונדזער וועלט. מיר שטאָלצירן איצט גאָרנישט מיט די דאָזיקע געלערנטע, וואָס דער פּשוטער עולם האָט קיין פֿאַרשטעלונג ניט געהאַט וועגן זייערע אַרבעטן, און וואָס האָבן געשריבן אין אַ שפּראַך, וואָס מ'האָט געקענט אויף דעם די ציינער צעברעכן, און ניט קימערן זיך וועגן דעם, אַז זייער הויכע מליצה איז צוגענגלעך בלויז זייערע ברידער־געלערנטע, און אַז פֿאַרן גרעסטן טייל בלײַבט זי אַן אומבאַקאַנט לאַנד. מיט טיפֿן באַדויער דערמאָנען מיר איצט אַט־אָ־דעם טרויעריקן עבֿר, ווען די אומגליקלעכע מאַסע איז געווען פֿיזיש און מאָראַליש דערנידעריקט. פֿיזיש האָט זי געליטן פֿון די געלט־אַריסטאָקראַטן, מחמת דער פּאַנשטשינע (לײַב־אייגנטום), און מאָראַליש פֿון יענע געלערנטע, די אַזוי גערופֿענע שׂכל־אַריסטאָקראַטן. מיט דער זעלביקער אַריסטאָקראַטישער פֿאַררעסנקייט ווי די נגידים האָבן געווײַנלעך געקוקט אויף דעם ל ײַ ב פֿון אַ פּויער, מיט דער איבערצײַגונג, אַז גאָט האָט אים באַשאַפֿן בלויז צוליב זיי און אַז ער האָט טאַקע נישט קיין רעכט נהנה צו זײַן פֿון דעם אַלעם גוטן, וואָס איז צוגענגלעך אַלע אַנדערע מענטשן, — האָבן אויך אַזוי די געלערנטע זיך באַצויגן בכלל צום פֿאָלקס ג ײַ ס ט, טראַכטנדיק, אַז אויפֿן פֿאָלקס מאָראַלישן לעבן דאַרף מען זיך אומקוקן בלויז מיט דער כּוונה אַז עס זאָל טעטיק ווערן דער פּאָעטישער טאַלאַנט מיט דער הילף פֿון געקינצלטע פֿראַזן. אויב אַפֿילו איינער פֿון זיי פֿלעגט זיך אַמאָל נעמען אויספֿאָרשן די מנהגים און זיטן פֿון פֿאָלק, און זיי שילדערן אין זײַנע ראָמאַנען, האָט ער דאָס געטאָן נישט כּדי אַרויסווײַזן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע פֿון פֿאָלק, און אים פֿירן אויפֿן וועג צום אמת, נאָר מיט דער כּוונה, כּדי דאָס לייענען די דאָזיקע באַשרײַבונגען זאָל ברענגען פֿאַרגעניגן די קאַפּריזנע נגידים".

און לערנער פֿירט אויס: „מחמת אַט־דער גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיע, אַט־אָ־די גײַסטיקע סנאָבן, האָבן נישט נאָר צוגעשטעלט ווערק צו

באַפרידיקן דאָס סענסועלע געפיל־לעבן פון די גבירים, נאָר זיי האָבן דערגאַנצט דאָס, וואָס די גבירים האָבן אָנגעהויבן. יענע האָבן פיזיש פאַרשקלאַפט די מאַסן, און די סנאָבן האָבן געלאָזן די מאַסן זיך טרינקען אין „דער שרעקלעכסטער עם־הארצות...״

אָבער דאָס 19־טע יאָרהונדערט האָט אין דעם פּרט געבראַכט וויכטיקע שינויים. די פרײַהייט פאַר די פויערים, ווי אויך אַנדערע דערשײַנונגען אינעם 19־טן יאָרהונדערט, — אין דעם האָט לערנער געזען סימנים פון אַ נײַעם „צײַט־גײַסט״ („דוך וורעמעני״). דאָס „האָט שוין באַוויזן באַדײַטנדיק איבערצואַנדערשן צום גוטן״ דעם פאָלקס אינטעלעקטועלן צושטאַנד.

„דער גײַסט פון 19־טן יאָרהונדערט״ — שרײַבט לערנער — „האָט אינגאַנצן צעשטערט דעם ליטעראַרישן אַריסטאָקראַטיזם פון די דאָזיקע אַלטע, אויף לאַרבער־רוענדיקע שרײַבער, און אונדזערע געלערנטע האָבן זיך סוף־כּל־סוף איבערצײַגט, אַז דעם פאָלק פעלן ניט קיין שום מאָראַלישע פּרינציפּן״.

לערנערס פאָלקישקייט נעמט זיך פון אַ גאַנצער סיסטעם באַגריפן וועגן דעם גײַסט פון 19־טן יאָרהונדערט. אָט־דער גײַסט פירט צו דעמאָקראַטישקייט. ער פירט אויך צו דער איבערצײַגונג, „אַז דעם פאָלק פעלן ניט קיין שום מאָראַלישע פּרינציפּן״.

וואָס שײַך דער וועלט־ליטעראַטור קען מען מסכּים זײַן מיט לערנערן מכּוח יענעם טייל „ליטעראַרישע אַריסטאָקראַטן״, וואָס האָבן געשאַפן ליטעראַטור במשך דער פעאָדאַלער אָרדענונג. עס קומט אָבער אויף אַ פראַגע — וועמען האָט עס לערנער געמיינט, אין שייכות מיט דער ליטעראַטור בײַ יידן? האָט ער טאַקע אויך אונדז געמיינט? די באַשולדיקונג איז דאָך אַ קלאָרע: „דער גײַסט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט אינגאַנצן צעשטערט דעם ליטעראַרישן אַריסטאָקראַטיזם פון די דאָזיקע אַלטע, אויף לאַרבער־רוענדיקע שרײַבער...״

אביסל ווײַטער אין זײַן הקדמה זעען מיר, אַז ער האָט אויך געמיינט יידישע געלערנטע. פרוּער באַמיט ער זיך באַווײַזן ווי אַזוי מען קען איבעראַנדערשן די גאַנצע וועלט. מע דאַרף אין איר אײַנפלאַנצן: „דאָס שיינע, דאָס גוטע און דאָס דערהויבענע״. נאָכדעם באַקענט ער דעם רו־

בישן לייענער מיט יענע דעמאָקראַטישע יידישע שרײַבער, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיטן „צײַט־גײַסט״. זיי שאַפן ביכער אויף דער פּשוטער אומגאַנגשפּראַך, ביכער, וואָס זײַנען אויסשליסלעך געווידמעט די אינ־טערעסן פון פּשוטן פאָלק. לערנער דערקלערט אויך פאַרוואָס דאָס איז בײַ יידן נאָך וויכטיקער ווי בײַ אַנדערע פעלקער — מחמת די צוויי שפּראַכן: העברעיש און יידיש. ער דערקלערט אויך וואָס איז אַזוינס יידיש, זײַנע גרויסע מעלות און זײַן שליחות. ער איז דער איינציקער אינסטרומענט, וואָס אַדאַנק אים קען צוקומען צום פאָלק — דאָס „קלוגע, נוצלעכע״ וואָרט.

„און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם — שרײַבט לערנער — „האָט קיין יידישער געלערנטער זיך ביז איצט נישט אַנטשלאָסן צו שרײַבן אויף אָט־דעם זשאַרגאָן עפּעס וואָס זאָל זײַן נוצלעך און זאַכלעך״. ער ווייס נישט גענוי — צי דאָס שטאַמט בײַ די יידישע געלערנטע פון זייער „ליטעראַרישן אַריסטאָקראַטיזם״ אָדער פון זייערע פאַראורטיילן קעגן דער שפּראַך גופא.

ווי מיר זעען דאָ, פאַרבינדט לערנער דעם „ליטעראַרישן אַריסטאָ־קראַטיזם״ אויך מיט יידישע שרײַבער. נישט געקוקט אויף דעם באַזונ־דערן יידישן כאַראַקטער, באַטראַכט לערנער פון אַן אוניווערסאַלן שטאַנד־פּונקט, הן די ליטעראַטור, הן די היסטאָרישע באַדינגונגען, וואָס זײַנען גורם די ליטעראַרישע שאַפונגען. אין דער יידישער ליטעראַטור געוועל־טיקן די זעלביקע היסטאָרישע תנאים, דער זעלביקער „צײַט־גײַסט״ ווי אין דער גאַנצער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. און נישט אומזיסט פאַר־זיכערט ער אין דער הקדמה זײַן רוסישן לייענער: „דאָס יידישע פאָלק שפּאַנט פאָרויס צוגלײַך מיט דער גאַנצער מענטשהייט און אין אַלע פּרטים גייט עס דעם וועג אין גײַסט פון 19־טן יאָרהונדערט״; „די יידן שטייען אויך נישט אָפּ אין דעם גאַנג פון פּראָגרעס; זיי נעמען אָן אַלע מיטלען צו בילדן די מאַסן, באַמיִען זיי זיך צו ווערן נוצלעכע בירגער פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט״.

נישט נאָר אין דער הקדמה, נאָר אויך אין דער עסיי גופא — דעם אַקסענפעלד־אַנאַליז — הערט זיך די נאָטע מכוח „ליטעראַרישן אַריסטאָ־קראַטיזם״. גלײַך אין אָנהייב דערציילט לערנער ווי אַזוי עס מאַטערט

אים איין זאך: די יידישע שרײַבער טוען נישט זייער פליכט; דער שליח פירט נישט אויס זײַן שליחות.

„איך האָב זיך אויך דערמאָנט דעם גרעסטן טייל אונדזערע שרײַבער, אויף וועמען עס ליגט דאָס הייליקע פליכט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון אייגענעם פאָלק... אָבער טאָן טוען זיי גאָרנישט, מיינענדיק, אַז זיי פּטרן אָפּ זייערס מיט דעם, וואָס זיי פאַרגרעסערן די העברעיִשע ליטע־ראַטור מיט אייגענע נוצלאָזע, געקינצלטע ווערק אָדער מיט אַ צענדליק אַנדערע אויסלענדישע ווערטער".

דאָס איז געווען אַ טענה פון אַ ראַדיקאַל־געשטימטן מענטשן. און פון דער דאָזיקער טענה דרינגען מיר, אַז לערנער דאַרף מען צורעכענען צו דער ראַדיקאַלער יוגנט פון זײַן צײַט. ווען מען לייענט אָבער זײַן בריוו צום העברעיִשן קריטיקער אברהם אורי קאָוונערן, געדרוקט בשלימות אין זײַן „צרור פרחים", ווערט קלאָר, אַז לערנער געהערט צום עקסטרעמען פליגל ראַדיקאַלער יוגנט אין די 60־ער יאָרן. לערנער שרײַבט קאָוונערן, ער האָט געהאַט גרויס נחת־רוח פון די אָפּן ארויסגעזאָגטע ווערטער, „וואָס ביז אַצינד האָט נישט געוואָגט צו זאָגן קיין איין העברעיִשער שרײַבער פון אונדזער צײַט". לערנער האָט נישט געקענט גלויבן, אַז אין לאַגער פון העברעיִשע שרײַבער אין די 60־ער יאָרן געפינט זיך נאָך אַ מענטש, וואָס וואַגט אַרויסצוזאָגן אַזעלכע אמתן קעגן דער העברעיִשער ליטעראַ־טור פון יענער צײַט. און ווי אַזוי כאַראַקטעריזירט לערנער די דעמאָלטיקע העברעיִשע ליטעראַטן? ער שרײַבט, אַלע אונדזערע ליטעראַטן שטייען אונטער דער פאָן פון אַלטע פאַרשימלטע פּרינציפּן...

אין דער קליינער הקדמה צו זײַן ביכל „דורש אל המתים" („רייד צו די טויטע"), פאַרטיידיקט ער קאָוונערן קעגן גאַטלאָבערס אָנפאַלן. רעדט ער דאָרט וועגן די העברעיִשע ליטעראַטן נאָך מיט שאַרפערע ווער־טער. אין דער דאָזיקער הקדמה פאַרזיכערט ער: זײַן ציל איז „צו עפענען די אויגן פון זײַנע ברידער", אויפווײַזן זיי, ווער עס זײַנען די העברעיִשע שרײַבער — אַז „מהרסיהם ומחריביהם מהם יצאו" (זייערע צעשטערער און חורבן־מאַכער שטאַמען פון זיי גופא), און די ווענדונג אין דער הקדמה געהערט „צו די חשובע געציילטע".

ווי מיר זעען שטייען דאָ „חשובע געציילטע" קעגן אַ גאַנצן פּרוער־

דיקן דור ליטעראטן. און לערנער געפינט זיך צווישן אַט־די „געציילטע".
זיי האָבן בשעתם אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף „די אַלטע, אויף לאָרבער־באַרוטע שרײַבער", וואָס ער רופט זיי איצט אָן „צעשטערער און חורבן־מאַכער".

דער יסוד פון לערנערס קריטיק איז געווען איינס מיט דער גאַנצער אײַנשטעלונג בײַ די עקסטרעם־ראַדיקאַלע „יונגע", וואָס צו זיי האָט ער געהערט. אָבער אויך די דאָזיקע אײַנשטעלונג האָט נישט געווירקט גלײַך אויף אַלע שרײַבער, וואָס מען קען צורעכענען צו „די יונגע".

פּאָליטיש-עקאָנאָמישע סיבות און די „יונגע"

די „יונגע" אין די 60-ער יאָרן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט יענעם דור, וואָס איז געקומען מיט אַ נײַעם בליק אויף דער ייִדישער ליטעראַטור. אַט־דער נײַער דור האָט אויך פאַרפלאַנצט נײַע באַגריפן אין ייִדישן לעבן.

דער דאָזיקער גאַנצער שיכט מאָדערניסטן אין די 60ער יאָרן איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דרײַ היסטאָרישע סיבות, געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. די סיבות זײַנען געווען: פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, קולטור־סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנער־אינטעלעקטועלע. זייער כאַראַקטער דערקלערט אויך, ווער עס זײַנען געווען די „יונגע", ווי אויך די שינויים, וואָס זיי האָבן אַרײַנגעטראָגן אינעם ייִדישן לעבן.

די קרימער מלחמה (1854-1856) האָט געפירט דער דעספּאָטישער רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער. אין דער דאָזיקער מלחמה האָט נישט נאָר געליטן די רוסישע אַרמיי און פלאָט, נאָר אויך די גאַנצע סיסטעם, די אַליין־הערשנדיקע רעאַקציע. אין דער קרימער מפּלה האָט ניקאָלאַי ביטער באַצאָלט פאַר זײַנע מעשים־תעתועים. וואָרן יעדע אונטערדריקונג זײַנע האָט געפירט צו אַ צווייטער, צו אַ דריטער, צו אַ גאַנצער סיסטעם רעפּרעסיעס. וואָס אויטאָקראַטישער עס איז געווען זײַן הערשאַפט, אַלץ מער מרידה־געפילן האָבן גענומען אויפוואַכן אין דער אינטעליגענץ. די דעקאַבריסטישע מפּלה האָט פאַרכּפּערדיקער געמאַכט דעם רעוואָלוציאָנערן באָדן. ניקאָלאַיס מורא פאַר רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען

האָט אים געצוווּנגען אײַנצופירן אַן אײַזערנע צענזור בנוגע פרײַען אויס־דרוק, דער פרעסע און בילדונג. געטריבן פון דער זעלבער מורא, אָרגאַ־ניזירט ער אַ פאָרצווײַגטע געהיים־פּאָליציי. ער דריקט אונטער דעם אויפ־שטאַנד אין פּוילן (1830—1831), שאַפט אָפּ איר קאָנסטיטוציע. ער שיקט מיליטער העלפן עסטרײַך אונטערדריקן אַן אויפשטאַנד אין אונ־גאַרן. ער פאַרפירט אַ מלחמה קעגן טערקיי אונטערן אויסרייד באַשיצן די קריסטלעכע אונטערטאַנער. אין דער אמתן האָט ער מער אין זינען געהאַט פאַרשפּרייטן רוסלאַנדס אײַנפלוס אין די באַלקאַנען. זײַן פּאָליטיק צו לייזן די ייִדן־פראַגע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם געזעץ פון יאָר 1827. דאָס האָט געמיינט צו דערציִען די ייִדישע יוגנט אין די קאַזאַרמעס, און רויבן ייִדישע קינדער פאַר דעם דאָזיקן צוועק (די קאַנטאָניסטן־גזירה). די געזעצן, וואָס האָבן דערלויבט ייִדן צו וווינען בלויז אין די גרענעצן פון תחום־המושב, זײַנען געווען אין הסכם מיט זײַן גאַנצער פּאָ־ליטיק בנוגע ייִדן. אויב אין די לעצטע צען יאָר זײַנע האָט ער זיך באַמיט אָנצונעמען מיטלען צו פאַרשפּרייטן וועלטלעכע בילדונג צווישן ייִדן, איז געווען דערבײַ אַ סיבה. מיט גזירות — האָט ער אײַנגעזען — וועט ער נישט לייזן די ייִדישע פראַגע, מחמת דעם אינעווייניקן שטאַרקן ייִדישן ווידערשטאַנד.

ניקאָלאַיס מפּלה אין דער קרימער מלחמה האָט קלאָר באַוויזן איין זאַך: דרײַסיק יאָר פּינצטערע צענזור, שלעסער אויפן מויל, האָבן גע־האָלפן דורכפרעסן דעם גאַנצן מלוכה־אַפּאַראַט. די אַדמיניסטראַטיווע קאָ־רופּציע האָט חרוב געמאַכט די לעגענדע וועגן דער שטאַרקער אַרמיי. די רוסישע אויטאָקראַטיע האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דער אַנגלאָ־פראַנ־צויזישער אינוואַזיע, און די טויערן פון רוסלאַנד האָבן זיך מיט גוואַלד געעפנט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע.

אויסגעדריקט האָט זיך דאָס אַלץ אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס דעפאָרמען אין אַלע מלוכה־צווײַגן, באַפרײַען די פּויערים (1861), פאַר־לײַכטערן דאָס ייִדישע לעבן (אָפּשאַפן די קאַנטאָניסטן־סיסטעם אין 1865, רעכט פאַר ייִדישע ערשטע גילדע־סוחרים, ייִדן מיט העכערער בילדונג און בעלי־מלאכות צו וווינען איבער גאַנץ רוסלאַנד או"וו).

אַדאַנק אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רעכטלעכע הנחות האָבן ייִדן

פרײַ אָפּגעאָטעמט. אַ נײַער סאָציאַלער שיכט האָט זיך אָנגעהויבן פורעמען ארום די ייִדישע מלוכה־ליווערַאנטן, די צושטעלערס און פאַרשיידענע אונטערנעמערס. דער דאָזיקער שיכט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. עס זײַנען צוגעקומען דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן, סטודענטן, גימנאַזיסטן, סוחרים, בוכהאַלטערס אאַ"וו.

דאָס איז געווען דער נײַער סאָציאַלער שיכט בײַ ייִדן, וואָס איז אויפֿגעקומען אין די 50־ער און שנעל געוואַקסן אין די 60־ער יאָרן. פון דעם נײַעם שיכט זײַנען ארויס אונדזערע ייִדיש־רוסישע אַסימילאַנטן — סײַ די בורזשואַזע און סײַ די רעוואָלוציאָנערע, וואָס האָבן זיך שפּעטער באַוויזן אין און ארום „זעמליאַ אי וואָליאַ" און אין דעם „טשאָרני פּערעדיעל".

דער זעלביקער שיכט האָט אָבער אויך ארויסגעגעבן ייִדישע אינטעליגענץ מיט אַ ייִדיש באַוווסטזײַן. דאָס איז געווען דער שיכט „יונגע", וואָס צו אים האָט י. י. לערנער גערעדט ווי צו אייגענע „חשובע געציילטע". אָט־די זײַנען געקומען, נאָך לערנערס אויסדרוק נאָך, צו פאַרנעמען דאָס אָרט „פון די אַלטע אויף לאָרבער בארוטע שרײַבער" משכילים פון דער ערשטער השכלה־כוואַליע אין רוסלאַנד (די 20־ער ביז די 50־ער יאָרן).

די סאָציאַל־קולטורעלע באַזע פון „די יונגע"

נאָך קלערער ווי דאָס סאָציאַל־פּאָליטישע פּנים פון די יונגע איז געווען זייער קולטורעלער יסוד. צווישן זיי און די פריערדיקע משכילים איז אין דעם פּרט געלעגן ממש אַ תהום.

די וויכטיקסטע משכילים אין די 40־ער יאָרן האָבן געשטיצט דעם בילדונגס־מיניסטער גראַף אוּוואַראָוו, ער האָט געוואָלט לייזן די ייִדישע פראַגע דורך אָפּרײַסן ייִדישע קינדער פון דער טראַדיציאָנעלער דערציִונג און זיי פאַרוואַנדלען אין „ניצלעכע בירגער". מיט דער דאָזיקער ייִדישער שול־רעפאָרם האָט אוּוואַראָוו געמיינט רוסיפיצירן די ייִדישע יוגנט אין די ספּעציעל־געשאַפענע „קרוין־שולן" (1844). און די צוויי ראַבינער־שולן, אין ווילנע און אין זשיטאָמיר, האָבן באַדאַרפט צוגרייטן געבילדעטע רוסיפיצירטע ראַבינער און לערער. ווי באַמערקט

פריער האָבן טאַקע די וויכטיקסטע משכּילים געשטיצט די דאָזיקע רע־פאָרמען. אָבער פון דער דאָזיקער רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק איז אויס־געוואָקסן אַ שיכט, וואָס האָט זיך געשטעלט קעגן דעם פריערדיקן טיפּ משכּיל.

די נײַע משכּילים האַלטן זיך נישט נאָר פאַר „רוסן", פאַר „מאָס־קווער" קעגן די פריערדיקע משכּילים, „די בערלינטשיקעס", די אויטאָ־דידאַקטן. זיי קוקן אויף זיך ווי אויף פּראָגרעסיווע מענטשן. זיי האַלטן די פריערדיקע משכּילים פאַר בטלנים, פאַר צוריקגעשטאַנענע, ווײַט פון ווירקלעכן לעבן. יענע, די אַלטע, ווילן רעפאָרמירן דאָס לעבן פון די אָרע־מע ייִדישע מאַסן ניט מיט העלפן פאַרענטפערן ווירקלעכע נויטן, נאָר מיט דערהייבן זיי צו די סענטימענטן פון שילערס „גלאָקע", לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע" און מיט העברעישער מליצה וועגן דער „בת שמים".

מיטן פּנים צו דער ווירקלעכקייט, צום רעאַלן לעבן — דאָס איז געווען דער רוח פון די נײַע משכּילים. אויב שוין יאָ לערנען פרעמדע שפּראַכן, איז פריִער פאַר אַלץ — די רוסישע שפּראַך. מע דאַרף זי קענען, ווײַל מע קען זיך אָן איר ניט געבן קיין עצה אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אָן איר קען מען אויך ניט אַרײַן אין די טויערן פון דער סאַמע נאָענטסטער, דער רוסישער קולטור. אַזוי איז געווען די מיינונג בײַ אַלע נײַע משכּילים, הן אַ מענדעלען, הן אַ קאָוונערן.

אויך לערנער — דער באַוווּסטזיניקער ייִדישיסט — גלייבט אין רוסיפיקאַציע, צו קענען „שפּאַנען פאָרויס באַגלײַך מיט דער גאַנצער מענטשהייט... לויטן גײַסט פון 19־טן יאָרהונדערט". אין די 60־ער יאָרן איז אַרויס אַ בראָשור אין רוסיש „וועגן העבדעיִשע בייגונגען". ס. פינסקער האָט צונויפגעשטעלט די בראָשור אין די 30ער יאָרן. אי־בערזעצט אויף רוסיש האָט עס י. באַכראַך, דער לערער פון ייִדישער רעליגיע אין דער רישעליעווער גימנאַזיע. באַגריסט לערנער די דאָזיקע זייער ניצלעכע אַרבעט „ווי דעם ערשטן פּרוּוו צונויפצושטעלן אַ טעקסט־בוך אויף דער פאָטערלענדישער שפּראַך". געשריבן האָט עס לערנער אין דעם רוסישן אַרטיקל „ביבליאָגראַפישע נײַעס", אין „אָדעסקי וועסט־ניק", 1868, נומ. 184. דער מין ביכער, האַלט לערנער, דאַרפן זיך באַ־ווײַזן וואָס מער, „ווײַל בלויז מיט דער הילף פון אַזעלכע עלעמענטאַרע

ביכער, װאָלט דאָס קענען די פּאַטערלענדישע שפּראַך זיך פאַרשפּרייט צװישן דער ייִדישער יוגנט, װעמעס דערציִונג װאָלט פון דעם אָנגעהויבן מיט דעם אָנגענומען א ריין רוסישן כאַראַקטער". „מיט דעם דאָזיקן מיטל — שרײַבט לערנער װײַטער — װאָס מיט אים האָט די מענדעלסאָן שולע מיט פּעולה יוצאדיק אין דײַטשלאַנד אין פאַריקן יאָרהונדערט — מיט דעם דאָזיקן מיטל קען מען באמת פאַרװירקלעכן צו רוסיפיצירן די ייִדן".

דאָס מיינט אָבער ניט, ייִדן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון זייער אייגענער פאָלקסשפּראַך, װי דאָס האָט געפּריידיקט דער רוב משכּילים. אין דעם פּרט איז לערנער געװען טאַקע צװישן דער קלענערער צאָל אין דעם לאַגער „יונגע".

אין דער זעלביקער צײַט — בעת לערנער באַגריסט די באַמיִונגען רוסיפיצירן ייִדן, האַלט ער ייִדיש פאַר דעם װירקזאַמסטן מיטל, װאָס מיט אים קען מען צוקומען צו די מאַסן. און עס גייט דאָ בפירוש אין דעם װירקזאַמסטן מיטל לשם װירקלעכקייט. און מחמת דעם טאַקע איז ער קעגן די העברעישע שרײַבער פון זײַן צײַט, װײַל זיי האָבן זיך דערװײַטערט פון פאָלק, גערעדט צו אים אויף א שפּראַך, װאָס דאָס פאָלק האָט ניט פאַרשטאַנען.

מיט זײַן באַציִונג צו די העברעישע שרײַבער שטעלט זיך לערנער אין די רייען פון נאָך א קלענערער צאָל צװישן די „יונגע".

אין א װײַטערדיקן אַרטיקל, אין דעם דערמאָנטן „אָדעסקי װיעסטניק" (1869, נומ. 24, ז. 81) רעדט לערנער װעגן די העברעישע שרײַבער, װי אַזוי זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם חוש פאַר דער װירקלעכקייט, און דערפון — גלויבט ער — לײַדט אויך די העברעישע ליטעראַטור.

„א קענטלעכע באַװעגונג אין דער ייִדישער זשאַרגאָן-ליטעראַטור, די אָפּט דערשינענע גוטע און ניצלעכע ביכער אויף א שפּראַך, װאָס איז פאַרשטענדלעך העכער צװיי מיליאָן ייִדן, און לסוף, דאָס שנעלע פאַרשפּרייטן די דאָזיקע װערק אין דער מאַסע — דאָס אַלץ באַװײַזט, אַז די בעסטע מענטשן אין אונדזער פאָלק זאָרגן ערנסט װעגן זייערע ברידער, אַז די דאָזיקע ערלעכע

עסקנים גיבן אוועק זייער פרייע צייט אין די אינטערעסן פון די לעצטע און אז זייערע באמיונגען ווערן געקרוינט מיט פולן דערפאלג. ניטא קיין מער מענטשלעכע זאך ווי לערנען פארחושכטע, עפענען די אויגן די פארבלענדטע; און אין דער זעלביקער צייט איז ניטא קיין ניצלעכערע זאך ווי דערקלערן אלץ אויף א פשוטן, פאר אלעמען צוגענגלעכן דיאלעקט. אויב מיר נעמען אן, אז א דאקטער, היילנדיק א חולה, מעג זיך עצהנען מיט זיינעם א קאלעגע אויף פארשיידענע אויסלענדישע שפראכן, איז פון דעם נאך ניט געדרונגען, אז דער דאקטער האט א רעכט אריינברענגען לאטיין אין זיינע רייד מיט די פאציענטן. דאס זעלביקע זען מיר אין דער העברעישער ליטעראטור. אנהייב היינטיקן יארהונדערט, ווען יידן אין רוסלאנד און אויך, מעגלעך אין אנדערע אייראפעישע לענדער, אחוץ, פארשטייט זיך, אין ענגלאנד און פראנקרייך, האבן זיך געפונען אויף א זייער נידעריקער ציוויליזאציע־מדרגה, ווען דער חושך פון פאנאטיזם און עם הארצות איז געווען אזוי שטארק, אז עס איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט זיך צו ווענדן צו זיי מיט א ווארט, — דעמאלט האבן דענקענדיקע מענטשן, וואס האבן געפילט די באדערפעניש זיך אויסדריקן און וואס האבן כאטש וויפל־עס־איז געוואלט אויפרודערן זייערע גלויבנס־ברידער, דעמאלט האבן זיי באשלאסן צו שרייבן זייערע ווערק אין דער העברעישער שפראך, וואס איז כאטש געווען צוגענגלעך א באגרענעצטן קרייז אייפעריקע תלמודיסטן. אט דאס איז געווען דער אופן ווי אזוי עס האבן זיך באוויזן אין דער עפנטלעכקייט די פארשיידנארטיקע, נאר דאך ענלעכע לויט דער טענדענץ, ווערק פון לעווענזאנען, קראכמאלן, מיזעסן, ערטערן א. א. פארשטייט זיך, די דאזיקע קעמפער פאר אויפקלערונג איז זייער ביטער צוצוזען ווי זייערע ווערק פארשפרייטן זיך בלויז צווישן איין קלאס מענטשן; אבער דעמאלט איז געווען געפערלעך, און אפשר אן נוצן, צו גיין ווייטער. מע קאן זיך פארשטעלן מיט וואס פאר א שטערונגען עס האבן זיך באדארפט ראנגלען די דאזיקע הארעפאשניקעס אויף זייער דארנדיקן וועג; נאר זיי

האָבן עס מוטיק דורכגעטראָגן, טרייסטנדיק זיך מיטן געדאַנק, אַז עפּעס־וואָס האָט זיך זיי איַינגעגעבן צו טאָן פאַר זייערע ברידער וועגן, און וואָס איז וויכטיקער — זיי לאָזן איבער אַ ברייט פעלד זייערע יורשים וועמען ,אונטער בעסערע תנאים, עס וועט זיַין גרינגער צו אַרבעטן. צום באַדויערן האָט דער גרעסטער טייל נאָכפאָלגער זיך פאַרנומען אויף גאָר אַן אַנדערן וועג. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די געביטענע אומשטענדן, אין אַ סך פאַרטים, האָבן געגעבן די דאָזיקע שריַיבער די מעגלעכקייט אויסברייטערן די גרענעצן פון זייער ליטעראַרישער אַרבעט און זיך ענגער צונויפגיין מיטן פאָלק, — האָבן זיי זיך אָנגעהויבן דערוויַיטערן פון יעדן געדאַנק, און, ווערנדיק פאַרכאַפּט בלויז מיט די פאָרמען פון דער העברעישער שפּראַך און מיט מליצה, זיינען זיי געוואָרן פּראַזיאָרן, און דאָס אַלץ. צו דעם האָט אויך אַ סך צוגעהאָלפן דער אומשטאַנד, וואָס דער איבנדערמאָנטער קריַיז לייענער האָט זיך באַצויגן מיט מער דרך־ארץ צו דער הייליקער שפּראַך (צו לשון קודש), אויף וועלכן עס האָט געשריבן דער שריַיבער. אונטערן איַינפלוס פונעם פינצטערן עבר, האָט זיך אין דעם קריַיז אויסגעפורעמט אַ באַזונדער בליק: זעענדיק אין דער אויפבלי̇ונג פון דער העברעישער ליטעראַטור דעם איינציקן אויפהאַלט פון ייִדישקייט, איז ער געווען צופרידן מיט יעדן נײַעם ווערק אויף דער דאָזיקער שפּראַך, און מיט די זעלביקע התפעלות האָבן זיי אויסגענומען אי אַ ניצלעכן געדאַנק אי אַ פּוסטע פראַזע. מחמת די דאָזיקע סיבות באַגעגענען זיך מיר מיט אַזאַ גרויקייט אין דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס צייכנט זיך אויס מיט כמות, און איבערראַשט אונדז מיט דעם וואָס דאָרטן איז נישטאָ קיין שום איכות: מיקראָסקאָפּישע שריַיבער זיַינען צופרידן, אָבער די אַלגעמיינע ניצלעכקייט גייט זיי נישט אָן”.

צווישן די „מאָסקווער”, די „רוסאָקעס” און די „נאַטאַן־דער־ווייזע אָדער בת־שמים אווטאָדידאַקטן” קומט דאָ באמת אויף אַ קאַמף לשם רעאַליזם. די יונגע „רוסאָקעס” האַלטן זיך פאַר „טראַכטנדיקע רעאַליס־

טן" דורך און דורך. פּראַקטיש פאַרוועגדן קולטורעלע דערגרייכונגען — דאָס שטייט ביי זיי העכער ווי אַלץ. די עלטערע משכּילים האָבן געקעמפט אײַנצוהאַלטן טראַדיציאָנעלע פּאָזיציעס, מעסיקייט אין אַלץ, דרך־ארץ פאַר אויטאָריטעטן. — זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם דראַנג פון דער ברויזנדיקער אומצופרידענער יוגנט.

אַ גרויסע ראָל האָט דאָ אויך געשפּילט דער ראַדיקאַליזם פון די „יונגע". דאָס איז געווען דער ראַדיקאַליזם אין די 60־ער יאָרן. ער האָט בשעתו פאַרכאַפּט די גאַנצע רוסישע אינטעליגענטע יוגנט. די יוגנט האָט זיך אָריענטירט אויף די דעמאָקראַטיזירנדיקע כּוחות אינעם רוסישן און ייִדישן לעבן. מיט זייערע פריערדיקע אײַנשטעלונגען האָבן די אַלטע משכּילים זיך אָריענטירט אויף די אויפגעקלערטע נגידים, אויף דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע און אירע משרתים.

דער קאַמף צווישן „אָטצי אין דיעטי" (פאָטערס און קינדער) האָט זיך במשך די 60־ער יאָרן געצויגן אויפן גאַנצן פראָנט אינעם רוסישן לעבן. ער האָט זיך אויך באַוויזן ביי די ייִדישע מאַסן בכלל און דעם מיטל־קלאַס בפרט.

ווי מיר זעען, איז דער גאַנצער קולטורעלער יסוד ביי די „יונגע" געווען: רעאַליזם און ראַדיקאַליזם — אין פאַרשיידענע שאַטירונגען און מדרגות.

אינטעלעקטועלע איינפלוסן

ווען דער ייִדישער יוגנט אין די 60־ער יאָרן רעדט לערנער אין זיין 'דורש אל המתים", דער פּאַפּלעט קעגן גאָטלאָבעדן. די יוגנט איז געווען רעאַליסטיש לגבי דעם פריערדיקן דור משכּילים. די היסטאָרישע באַדינגונגען פון יענער צייט האָבן אין איר אַרויסגערופן דעם דאָזיקן רעאַליזם.

שטאַרקע השפּעות האָבן געווירקט אויף די אַלטע משכּילים, די „בערלינער". שטאַרקע השפּעות האָבן אויך געווירקט אויף די „יונגע". זיי האָבן עס באַשטימט דעם קולטור־ראָמאַנטיזם ביי די „אַלטע" און דעם קולטור־רעאַליזם ביי די „יונגע".

די גאַנצע השכלה איז צו די ערשטע משכּילים אין רוסלאַנד געקומען ניט מיט יענעם „שטורעם און דראַנג“, װאָס האָט זיך בשעתו געטראָגן דורך דער געטאָ אין דײַטשלאַנד. מחמת געװיסע סי־בות האָט די השכלה צװישן די רוסישע ייִדן — ביז די 60־ער יאָרן — אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם. ערשטנס, — דער רוסישער דעספּאָטיזם האָט ביז דער סעװאַסטאָפּאָלער מפּלה ניט צוגעלאָזן קיין שום פרײַ װאָרט אָדער געדאַנק. צװייטנס — דאָס ייִדישע טראַדיציאָנעלע לעבן איז דאָ, אין תּחום המושב, געװען געדיכטער, פעסטער, מער אײַנגע־װאָרצלט, מער נאַציאָנאַל אין זײַן עצם. דריטנס, — די גאַנצע רוסישע קולטור איז בײַ די דאָזיקע ערשטע משכּילים ניט געװען צו טיף אײַנ־געװאָרצלט. קיין אָרגאַנישע פאַרבינדונגען זײַנען דאָ ניט פאָרגעקומען. און פערטנס, — די השכלה, װאָס איז דורכגעדרונגען קיין רוסלאַנד, איז געקומען פון דײַטשלאַנד, אין דער דײַטשישער שפּראַך. דאָס װאָס איז געװען אָרגאַניש און רעאַליסטיש אין דײַטשלאַנד, איז געװען פרעמ־דער לבוש אין רוסלאַנד. מיטן עצם װירקלעכקייט האָט עס ניט געהאַט קיין גרויסע מגע־ומשא. אַזוי אַרום איז די פרעמדע אָנװייעניש געװאָרן מער װוּנטש, װי פּראַקטישע פאַרװענדונג. מען האָט געטרוימט אין שילערס און געטעס שפּראַך אָדער אין העברעישער מליצה צו „ברענגען נוצן דעם פאָלק“. אַן אויסנאַם זײַנען געװען די גאָר געציילטע ייִדיש־שאַפנדיקע אָדער ייִדיש־באַװוּסטזיניקע משכּילים — די אמתע דעמאָ־קראַטישע טרוימער און פּראַקטיקער. די איבעריקע זײַנען געװען ראָמאַנ־טיקער, אַפילו אין זייערע „מעסיקע“ פּראַקטישע מעשׂים.

גאָר אַנדערש איז געװען די יוגנט אין די 60־ער יאָרן. דאָס איז גע־װען אַ נײַער שיכט אינטעליגענץ. די דאָזיקע יוגנט האָט שוין געקראָגן אַ װאָסער־עס־איז בילדונג אין דער רוסישער שפּראַך. די שכנישע רו־סישע קולטור איז געװאָרן בײַ די ייִדן אַן אָרגאַנישער טייל פון זייער אייגענער קולטור. די פּראָבלעמען פון דער רוסישער געזעלשאַפטלע־כער װירקלעכקייט זײַנען געװאָרן אייגענע פּראָבלעמען. און אָרגאַניש איז דאָס אַלץ געװען מחמת די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע װירקלעכקייט איז געװען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכקייט. בשות־פות׳דיק איז געװען דער באָדן, די פּאָליטישע װירקלעכקייט.

דאָס זיינען געווען די הויפּט־סיבות פאַרוואָס די יוגנט האָט אויפ־גענומען די אינטעלעקטועלע השפּעות פון דער עפּאָכע. דאָס וואָס איז געשען מיט דער „טראַכטנדיקער" יוגנט אין דער רוסישער געזעלשאַפט, איז אויך געשען מיט דער „טראַכטנדיקער" יוגנט אין דער יידישער גע־זעלשאַפט. אויף ביידע האָט געווירקט דער גייסט פון דעם ראַדיקאַלן פּאָזיטיוויזם, פאַרשטייט זיך, אין פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרשיידענע מדרגות.

די וואָס האָבן „באַהערשט די מוחות" פון דער רוסישער יוגנט, האָבן אויך „באַהערשט די מוחות פון דער יידישער יוגנט". און „די הער־שער איבער די מוחות", וואָס האָבן איינגעפלאַנצט דעם רעאַליזם, אָנ־געהויבן מיט פּושקינען, גאָגאָלן, האָבן דערמיט אויך געשאַפן אַ מין פילאָסאָפיש־פּראַקטישן צוגאַנג צום לעבן. נאָך מער ווי די וואָרט־קינסטלער האָבן די קריטיקער געווירקט אויף דער יוגנט. די רוסישע גע־שיכטע האָט צוגעטיילט די קריטיקער אַזעלכע פונקציעס, וואָס זיינען ניט געווען בנמצא אין אַנדערע ליטעראַטורן.

דער רוסישער דעספּאָטישער רעזשים האָט ניט געלאָזן פריי אָטע־מען. ער האָט דערשטיקט יעדן פּרוּוו אויסצודריקן פּאָליטישע געדאַנ־קען. איז פאַר פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע געדאַנקען געבליבן נאָר איין וועג אָפן: די ליטעראַרישע קריטיק. אין דער קרי־טיק האָט מען געלייזט סיי סאָציאַלע פּראָבלעמען סיי פּראָבלעמען פון־נעם יחיד. פּאָליטישע און פילאָסאָפישע פראַגעס האָבן געפונען זייער וועג דורך דער ליטעראַרישער קריטיק. דאָרטן האָבן זיך אויסגעשפּילט פּאַרטייאישע און אידעאָלאָגישע ליידנשאַפטן. מיט איין וואָרט — אַלע פראַגעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט מען געזוכט צו פאַרענטפערן אין דער קריטיק. קינסטלערישע פּראָ־בלעמען האָט מען גלייך אָדער גאָרניט אָנגערירט. און מען איז תיכף אַריבער צו דער פראַגע צי לאַווערעצקי האָט ריכטיק געהאַנדלט, צי באַ־זאַראָוו איז געווען גערעכט, צי די און די זיינען טאַקע די סיבות פון טשאַצקים אַרויסטריט, אין וואָס עס באַשטייט אָסטראָווסקיס „נאַראָד־נאָסט" פאָלקישקייט א. אַ. וו.

ג. ב. מינקאָוו

געווען איז עס אַ קריטיק „פּאַ פּאָוואָדו", געלעגנהייט־קריטיק, אַ תירוץ־קריטיק אַ תירוץ צו פאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַנדערש ווי ריין־ליטעראַרישע ענינים. זי איז געווען מער פּובליציסטיק ווי קריטיק. מוז מען אָבער פאַרשטיין, זי האָט אַנדערש ניט געקענט זיך אויספורעמען אונטער דער לאַסט, וואָס מען האָט אויף איר אַרויפגעלייגט. און אַרויפגעלייגט אויף איר האָט מען אַלע סאָציאַלע, פּאָליטישע, קולטורעלע און עטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אין זייער צײַט ניט געפונען קיין אַנדערן אויסדרוק. נאָך פּ א ר ביעלינסקין האָבן רוסישע קריטיקער געפאָדערט: די ליטעראַטור זאָל דינען דער געזעלשאַפט. קינסטלער — האָבן זיי געהאַלטן — דאַרפן זײַן פילאָסאָפן, דענקער. זיי דאַרפן אויסדריקן די פילאָסאָפישע אידעען פון זייער צײַט. דער יונג פאַרשטאָרבענער פּאָעט און קריטיקער ווענעוויטינאָוו, דער טעאָרעטיקער פון פילאָסאָפישן ראָמאַנטיזם וואָס האָט פאַרביטן דעם רוסישן קלאַסיציזם, אַ פאַרערער פון פּלאַטאָס, שעלינגס און פיכטעס פילאָסאָפיע, — אפילו ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן סתם ראָמאַנטיקער, ראָמאַנטיקער אָן פּרינציפּן. ער האָט געפאָדערט אַן אידעיִשע קונסט, אַ קונסט, וואָס זאָל זײַן געקניפּט און געבונדן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך פּאָלעוואָי און נאַדעזשדין האָבן געפאָדערט העכערע אינספּיראַציע, העכערע צילן, וואָס זאָלן פאַרבעסערן די מענטשן זייער לעבן. און ווען ביעלינסקין איז דאָך אָפּגערעדט, באַזונדערס דעם ביעלינסקין, ווען ער האָט זיך באַפרײַט פון דעם העגעליאַנישן אײַנפלוס און האָט זיך דערנעענטערט צום סאָציאַליזם, צו דער פײַערבאַכישער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע. און נאָך שאַרפער און קלאָר רעאַליסטיש זײַנען געווען טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו און פּיסאַרעוו.

אָט די אויסגערעכנטע אינטעלעקטועלע השפּעות האָבן געפורעמט אויך די ייִדישע „יונגע" אין די 60־ער יאָרן. די השפּעות, דאָס איז געווען די הערשנדיקע אַטמאָספערע, וואָס אין איר האָט געלעבט יעדער אינטעליגענט. דאָס זײַנען געווען די געדאַנקען, וואָס האָבן אײַנגעאָנצן דורכגענומען אַזאַ אינטעליגענט ווי עס איז דעמאָלט געווען דער יונגער י. י. לערנער.

י. י. לערנער

לערנער — דער ניהיליסט

ניט אַלע ייִדישע יוגנטלעכע אין די 60־ער יאָרן זיינען געווען פון
דעם זעלביקן טייג געקנאָטן. דער אַנקומענדיקער אינדוסטריעלער קאַ־
פּיטאַליזם אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן צום לעבן די אַזוי־גערופענע
פאָלקס־אינטעליגענץ, די „ראַזנאָטשינצעס”. בײַ אונדז ייִדן זיינען דאָס
געווען די נעכטיקע ישיבה־בחורים און די הײַנטיקע גימנאַזיסטן און
סטודענטן, פאַרשיידענע מיטלקלאַס־מענטשן, — לערער, פּראָפעסיאָנאַ־
לן, באַאַמטע, אַנגעשטעלטע א. אַ. וו. געווען איז דאָס אַ צײַט ווען עס
האָבן זיך געהאַלטן אין פורעמען נײַע קלאַסן און נײַע שיכטן. אין פאָ־
דערגרונד רוקן זיך אַרויס ליבעראַלן און רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן.
די ליבעראַלן, וואָס האָבן גערעדט וועגן פּראָגרעס און פאָלק, וואָס האָבן
איבערגעאַנדערשט דאָס לעבן, — זיי זיינען געווען מענטשן פון פאַר־
שיידענע מדרגות. און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, וואָס האָבן
געטרוימט וועגן אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, — אויך זיי האָבן
געהאַט צווישן זיך מענטשן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען.

אויך די ייִדישע יוגנטלעכע האָבן געהאַט צווישן זיך מענטשן פון
פאַרשיידענע שאַטירונגען. עס האָט זיך שטענדיק געווענדט אין דעם
ווי טיף פאַרוואָרצלט מען איז געווען און מען האָט געוואָלט זײַן אין דער
ייִדישער טראַדיציאָנעלער קולטור. אַ ראָל האָט דאָ געשפּילט אויך
דעם יחיד'ס בילדונג און זײַן שיכט, ווי אויך זײַן פּערזענלעכער כאַראַק־
טער, טעמפּעראַמענט און פעיִקייט אויפצונעמען געזעלשאַפטלעכע דער־
שיינונגען.

מיר באַגעגענען דעריבער אין די 60־ער יאָרן אַזעלכע מעסיקע,
אַזעלכע קאָנקרעט־רעאַליסטישע מענטשן ווי דאָס איז געווען מענדעלע
מוכר־ספרים. ער איז אויך געווען אונטער דער השפּעה פון פּראָגרעסי־
ווע אידעען. ער האָט אָבער ניט פאַרוואָרפן די ייִדישע טראַדיציאָנעלע
קולטור. מענדעלע איז אויפגעשטאַנען קעגן סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע
עוולות, וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אָרעמען פאָלק. אָבער די ירושה
פון דורות, די הויפּט־יסודות פון דער ייִדישער אמונה, פון דער ייִדישער
רעליגיעזער קולטור — דאָס האָט ער ניט אָנגערירט. די ייִדישע נויט און די

שרײַענדיקע עוולות, וואָס מען באַגייט קעגן פאָלק, — דאָס האָט אים געצווונגען צוצושטיין צו די פּראָגרעסיווע מענטשן פון זײַן דור. אָבער מיט גרויס יראה איז ער געשטאַנען פאַר דער גרויסער ייִדישער ירושה, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם עטישן ייִדישן אייגנאַרט.

אין דער זעלביקער תקופה האָבן צו די יונגטלעכע געהערט מענטשן פון גאָר אַן אַנדערן עקסטרעם, ווי למשל, דער העברעיִשער „פּיסאַרעוו" אַברהם־אורי קאָוונער. קאָוונער האָט אין 1865 (תרכ"ו) אַרויסגעגעבן זײַן „חקר דבר", („באַטראַכטונגען"), און שפּעטער, אין 1868, זײַן „צרור פרחים" („אַ בינטל בלומען"). דאָרטן האָט ער שאַרף קריטיקירט די נײַ־העברעיִשע ליטעראַטור פון דעם פריערדיקן דור משׂכּילים, זייער זײַן אָפּגעפרעמדט פוןווירקלעכן לעבן און זייערע קונציקע מליצות. זייַנען דאָס געווען פלוצימדיקע דונערן אין מיטן העלן טאָג. אין זײַן עקסטרעמיזם האָט זיך קאָוונער געשטעלט ניט נאָר קעגן דער העברעיִשער מליצה־ליטעראַטור פון זײַן צײַט, ניט נאָר קעגן דער אַמאָליקער רבניש־רעליגיעזער ליטעראַטור. ער טרעט אַרויס קעגן די גרונטיסודות פון דער ייִדישער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזער קולטור. ניטאָ בײַ אים קיין הייליקייט אין דער פריערדיקער ייִדישער אײַנשטעלונג, און ניטאָ בײַ אים קיין הייליקייט אין דער ייִדישער קעגנוואַרט. געמיינט האָט קאָוונער באמת, אַז די שווידערלעכע קעגן־אַטאַקעס אויף אים האָבן זיך אָנגעהויבן בלויז דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט קיין מזל, אָדער — זיי זייַנען אַן ענטפער אויף זײַן זודיקן טעמפּעראַמענט. איז דאָס קען זיך זײַן אפשר אמת. אָבער דער טיפערער אמת ליגט אין דעם, וואָס ער איז אינעווייניק געווען אָפּגעפרעמדט אָדער געוואָלט זיך אָפּפרעמדן פון די אַרומיקע און דערבײַ ברענגען אַלעמען מיט מוסר. ניט נאָר דער אונטערשייד צווישן אים און זײַנע בני־דור האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע, נאָר זײַן צוגיין צו יעדער ייִדישער פּראָבלעם מיט אַ ניט ייִדישער מאָס. אין „משומדים אין צאַרישן רוסלאַנד", (ז. 162) גיט שאול גינזבורג איבער אַ ציטאַט פון י. ל. גאָרדאָנס אַ ניט געדרוקטן בריוו צו קאָוונערן.

„איר פרעגט אַלץ" — שרײַבט ער קאָוונערן, — „פאַרוואָס איז בײַ אַנדערע אַזוי, און בײַ אונדז אַנדערש? דער ענטפער ליגט שוין אין דער סאַמע פראַגע. עס איז אַנדערש דערפאַר, ווײַל

דאָס איז בײַ אונדז און ניט בײַ לײַטן. יעדער שפּראַך, יעדעס פֿאָלק האָבן זײערע באַזונדערע אײגנשאַפֿטן, זײער באַזונדערן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, װאָס האָט זײַנע טיפֿע װאָרצלען אין זײַן היסטאָריע און דערציִונג. איר װעט זײ ניט אָפּשאַפֿן, און עס לוינט זיך ניט זײ אָפּצושאַפֿן, װײַל זײ ברענגען קײנעם קײן שאָ־דן ניט. איר זוכט אַלץ אין דער העברעישער ליטעראַטור צו מעסטן מיט אַן אײראָפּעישער מאָס, ריכטיקער געזאָגט: מיט אַ רוסישן אַרשין"

ניט װיכטיק איז דאָ איצט די פֿראַגע צי מען דאַרף אָדער מען דאַרף ניט מעסטן די אײגענע ליטעראַטור מיט פֿרעמדע מאָסן. װיכטיק איז דאָ צו באַװײַזן אַ פֿאַרשטײער פֿון די יונגע אין די 60ער יאָרן, װאָס איז געשטאַנען אױף דער שװעל פֿון ייִדישן לעבן, גרײט צו פֿאַרלאָזן די שװעל — טראַדיציאָנעל, אינטעלעקטועל. װער װײס — דאָס װאָס ער האָט שפּעטער פֿאַקטיש פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָלק, איז אפֿשר געװען אַ לאָגי־שער פּועל־יוצא פֿון אַ סם־המװתדיקן מוסר־זאָגער, װאָס האָט זיך אַלײן אָפּגעפֿרעמדט און װעמען מען האָט אױך אָפּגעשטױסן.

צװישן די דאָזיקע צװײ עקסטרעמען — אַ מענדעלע און אַ קאָװנ־נערן — געפֿינען מיר מענטשן פֿון פֿאַרשײדענע שאַטירונגען. דאָ געפֿי־נען מיר דעם מילדן „העברעישן ביעלינסקי" פּאַפּערנאַ, דעם אָריגינעלן ייִדישיסט י. מ. ליפּשיץ, אַזאַ מענטשן װי מנשה מאַרגאָלים א. אַ.

י. י. לערנער געהערט צום עקסטרעמסטן פֿליגל, צו דעם קאָװנער־קרײַז. ניט אומזיסט האָט לערנער באַגריסט קאָװנערן בעת יענער איז אַזױ שאַרף אַרױסגעטראָטן קעגן דעם פֿריערדיקן דור מליצה־שרײַבער. ער דערפֿילט אין קאָװנערן אַ ברודער אין קאַמף קעגן די אָפּגעשטאַנענע שרײַבער, װאָס גײען ניט „מיטן גײַסט פֿון דער צײַט", װאָס „שטײען אונטער דער פֿאָן פֿון אַלטע פֿאַרשימלטע פּרינציפּן" (קאָװנער ברענגט דעם בריװ אין זײַן „צרור פּרחים").

נאָך מער װי אין זײַן בריװ צו קאָװנערן באַקענען מיר זיך מיט לערנערס ניהיליזם אין זײַן „דורש אל המתים". דאָרטן נעמט ער זיך אָן פֿאַר קאָװנערן און קעמפֿט דעם אַלגעמײנעם קאַמף פֿאַרן „גײַסט פֿון צײַט".

אין זײַן „דורש אל המתים", געשריבן קעגן גאָטלאָבערן, וואָס איז באַפאַלן קאָוונערן פאַר זײַנע אַרויסטריטן קעגן די „אַלטע", האָט לערנער געצילט קעגן דעם גאַנצן פריערדיקן דור משכילים. פון דעם דאָזיקן פאַמפלעט רעדט אַרויס „דער גײַסט פון צײַט" בולט און קלאָר. מיר הערן דאָרט די געדאַנקען, וואָס האָבן באַהערשט די ראַדיקאַלע יוגנט אין די 60ער יאָרן, דאָס זיינען געווען על פּי רוב פּיסאַרעווס געדאַנקען. און אין דער ראָם פון דער גאַנצער „פּיסאַרעווסטשינע" ווערט קלאָר לערנערס ניהיליזם.

מיטן אויפקום פון טשערנישעווסקים און דאָבראָליובאָווס אידעען ווערט אין דער רוסישער געזעלשאַפט בולט דער אונטערשייד צווישן די סאָציאַליסטישע און די ליבעראַלע טענדענצן. מיטן אויסנאַם פון די ריינע קריטיקער־עסטעטיקער ווי אַנענקאָוו, דודישקין און דרוזשינין, האָבן די וויכטיקסטע רוסישע קריטיקער נאָך פריער פאַר טשערנישעווסקין און דאָבראָליובאָוון, געקעמפט פאַר דער געזעלשאַפטלעכער פונקציע פון דער ליטעראַטור. ביעלינסקי, אין זײַן פויערבאַך־פּעריאָד, האָט געקעמפט פאַר אַ רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער קריטיק. פאַר מאַיקאָוון, למשל, איז ליטעראַטור־געשיכטע געווען די געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אַפּאָלאָן גריגאָריעוו האָט געקעמפט פאַר „רוסישער פאָלקישקייט". זיי אַלע האָבן געקוקט אויף ליטעראַטור ווי אויפן אויסדרוק פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי אַלע האָבן געפאָדערט פונעם קינסטלער — „אידעיִשע קונסט".

טשערנישעווסקי איז אין דעם פּרט נאָך ווײַטער אַוועק אין אוטיליטאַרישער קריטיק. קונסט, האָט ער געלערנט, האָט נישט קיין ציל. זי דאַרף דינען דעם לעבן. זי דאַרף אַלץ דערקלערן אַזוי, אַז מיר זאָלן וויסן וואָס איז ריכטיק און וואָס איז ניט ריכטיק אין אונדזער לעבן. בײַ דאָבראָליובאָוון איז די פראַגע וועגן קונסט געווען: וואָס פאַר אַ גוטס קען עס ברענגען די מיִעניקע מאַסן?

אין מיטן די 60ער יאָרן, ווען עס האָט זיך געפורעמט לערנערס קריטיש באַוווּסטזײַן, איז פּיסאַרעוו געווען דער „הערשער איבער די מוחות". פּיסאַרעווס ליטעראַרישע פּראַקטיק האָט געווירקט שוין אונטער גאָר אַנדערע אומשטענדן ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט טשער־

נישעווסקין און דאָבראָליובאָוון. די אַנטוויקלטע האָפענונגען אויף אַ באַל־דיקער רעוואָלוציע האָבן אָנגעהויבן ווירקן. מחמת דער רעאַקציע איז געפאַלן די ענערגיע אין די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. האָט זיך ביי פּיסאַרעוון אויסגעפורעמט דער עוואָלוציאָנערער בליק אויף געשיכטע. אויף אים ווירקן ביכנערס, מאָלעשאָטס און פאָכטס נאַטור־וויסנשאַפט־לעכער, מעכאַניסטישער מאַטעריאַליזם. ניט די רעוואָלוציע קען איצט לייזן אַלע פּראָבלעמען, נאָר מעשים, ווי דאָבראָליובאָוו האָט עס געפאָ־דערט, נאָר דער באַוווסטזיין. הייבן דעם באַוווסטזיין אין דער אינטע־ליגענץ. דאָס דאַרף פירן צו דעם, עס זאָל זיך מערן נאָכאַנאַנד די צאָל „טראַכטנדיקע רעאַליסטן". און כדי דאָס צו דערגרייכן מוז מען זיך באַ־וואָפענען מיט וויסן. דאָס באַוווסטזיניקע וויסן, „דער געדאַנק און בלויז דער געדאַנק קען איבעראַנדערשן און באַנייען די גאַנצע אָרדענונג פון מענטשלעכן לעבן". און געמיינט האָט ער — פּראַקטיש, „רעאַליסטיש וויסן". לערנט נאַטור־וויסנשאַפטן, טעכנישע וויסנשאַפטן, האָט ער גע־פּריידיקט. זאָלן אויף אַלע פּאָזיציעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן זיך באַ־וויזן טיכטיקע וויסנשאַפטלעכע רעאַליסטן, וועט שוין דאָס איבעריקע קומען פון זיך אַליין. אין לעבן דאַרף מען זיך רעכענען בלויז מיט פאַקטן און אַלץ דאַרף דורכגיין דעם רעאַליסטס אומברחמנותדיקן קריטישן קאָנטראָל. אין טורגעניעווס באַזאַראָוון (פון זיין ראָמאַן „אָטצי אי דיע־טי" — „פּאָטערס און קינדער") האָט ער געזען די פּאַרקערפּערונג פון יע־נעם דור, וואָס לייקנט אַלע טראַדיציעס, אָבערגלויבענישן, מנהגים. ער וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס איז פריער געוועזן הייליק, ער נעמט גאָרניט אָן (ניהיל) פאַר גוט געלט. אין דעם דאָזיקן טערמין „ניהיליסט", וואָס טורגעניעוו האָט געשאַפן, האָט זיך אויסגעדריקט פּיסאַרעווס גלויבן. ניט נאָר האָט פּיסאַרעוו „צעשמעטערט" די עסטעטיק, ווי דאָס האָבן פריער געטאָן זיינע פאָרלויפער, נאָר ער האָט שפּעטער אויך געלייקנט לגמרי אין קונסט. זי איז ניט וויכטיק און ניט נייטיק.

און אויב פּושקין, נאָך זיין מיינונג נאָך, האָט אין אַ געוויסן מאָ־מענט ניט געקענט ברענגען נוצן דער געזעלשאַפט, האָט ער אים אינ־גאַנצן „חרוב געמאַכט". ער האָט דאָך דעמאָלט געשטערט איבערצואַנדערשן די דאָזיקע געזעלשאַפט. ניט נאָר ציט די קונסט אָפּ די ענערגיע פון

געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָר זי ברענגט נאָך שאָדן. פאַר דעם געלט, וואָס מען גיט אוים אויף פאַרשיידענע קונסטווערק, וואָלט מען געקענט בויען פאַבריקן, איינפירן ווירטשאַפטן, קויפן פלייש, ברויט, שיך, קליידער און מכשירים.

איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס דער העברעישער ניהיליסט קאָוונער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו פאַפּערנאָ:

„ווי ביעלינסקי גלויבסטו באמונה שלמה אין דעם פּרינציפּ קונסט לשם קונסט („החרשת למען החרשת”), ווי ער ביסטו אַ פולשטענדיקער אידעאַליסט און אָפּטימיסט, ווי ביעלינסקי כאַפּ־סטו התפעלות, באַוווּנדערסט און ביסט מלא שמחה פון יעדער פּאָעזיע, שיין מיט אירע מליצות און קלינגענדיק מיט אירע פערזן, און איך בין גרייט, ווי פּיסאַרעוו, אָפּגעבן טויזנט פּוש־קינס און לערמאָנטאָווס לידער, און אויך די לידער פון דיין מיכ”ל, פאַר איין פּשוטן אָבער נוצלעכן אַרטיקל, למשל, וועגן „באַמיס־טיקן פעלדער” (הד הזמן, 1909, נומער, 132).

לערנער באַטראַכט זיך פאַר אַ „טראַכטנדיקן רעאַליסט”. ער ווייס גענוי, גלויבט ער, די סיבה פון דעם קאַמף צווישן די ניהיליסטן און דעם פריערדיקן דור משכילים. די משכילים פונעם אַלטן דור, האַלט ער, קענען אַפילו ניט באַנעמען די טיפערע סיבות פון דעם קאַמף. זיי קע־נען אַפילו ניט באַגרייפן, פאַרוואָס די יונגע „עזות פנימער” האָבן אי־בערגענומען דעם ניהיליזם פון די פּיסאַרעווס. ניט סתם אין דער וועלט אַריין האָבן זיי דאָס געטאָן. עס זיינען דאָך פאַראַן אינעווייניקסטע סי־בות.

„אַז די געפאַר איז גרויס פאַר אים” — שרייבט ער וועגן גאָטלאָבערן אין זיין „דורש אל המתים” — „האָט ער זיך אַראָפּ־געגרעדט פון הארצן. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז גאָטלאָבער אַליין ווייס ניט, וואָס פון זיין פען איז אַרויס. אָבער מיר ווייסן יאָ פאַרוואָס ער איז מיט אַזאַ צאָרן אָנגעפאַלן אויף די יוגנטלעכע, וואָס דערגייען אים די יאָרן. און עס איז אויך פאַר אונדז ניט קיין סוד די עיקר־סיבה, וואָס האָט אַזוי געשטאַרקט זיין הארץ

אויפצוהייבן די קריגערייען און סכסוכים און אַרויסווײַזן רשעות אין אַ צײַט, וואָס ער האַלט, אַז זי איז ניט קיין גינסטיקע פאַר אים".

ווי אַ מאַטעריאַליסט־פּאָזיטיוויסט דערקלערט ער אויך, אַז דער קאַמף צווישן דורות איז אומפאַרמיידלעך:

„ס'איז באַוווּסט, אַז פון דורות אָן גייט אָן אַ שטרייט צווישן די אַלטע און יונגע, און אין יעדער צײַט פון אַלע צײַטן טרעטן אַרויס די זקנים, וואָס שטיצן זיך אויף זייערע טראַדיציאָנעלע השגות, קעגן די יונגע, וואָס זיינען מבזה זייער חכמה, און האַלטן גאַנץ קנאַפּ פון זייער כלומרשטן כבוד. און אַזוי גייט אָן דער שטרייט פון איינע קעגן די אַנדערע ביז וואַנען דאָס רוב זיינען מנצח די לעצטע, בעת די ערשטע, צוזאַמען מיט זייער חכמה און כבוד, שטאַרבן און גייען פאַרלאָרן. אַזעלכע שטרייטן זעען מיר תמיד אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אומעטום און אין יעטוועדערצײַט. און דאָס איז דערפאַר, וואָס אויפן גורל פון די אומגליקלעכע יוגנטלעכע פאַלט תמיד אוים צו זײַן די אָנזאָגער פון דער אַנקומענדיקער צײַט און צו בויען די צוקונפט אויף די חורבות פון עבר, און טאַקע דערפאַר, וואָס עס איז זייער שווער אַרויסצופּטרן דאָס אַלטע און מאַכן פּלאַץ פאַרן נײַעם, ווײַל דאָס אַלטע (די קעגנוואַרט) שטאַרקט זיך מיט אַלע כוחות און לאָזט ניט פאַרשוועכן זײַן הייליקייט (קדושה), — זיינען זיי דעריבער געצוואונגען צו קעמפן קעגן אים מיט אַ שטאַרקער האַנט און בלײַבנדיק שטאַרק געטרײַ זייער ציל און אויפגאַבע, איז פאַר זיי אַנדערש ניט מעגלעך ווי נאָר מאַכן אַ סוף צו די אַלע, וואָס שטעלן זיך זיי אַנטקעגן און שטערן זיי אויף זייער וועג — דעם וועג, וואָס פירט פאָרויס. און אויב אַזעלכע שטרייטן אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז אינעם לעבן פון אַלע פּראָגרעסיווע פעלקער, וואָס גייען כסדר פאָרויס לויט די געזעצן פון לעבן, און צוליב די פאַרשיידענע שינויים און ענדערונגען קומען אויף אויך בײַ זיי פאַרשיידענע אַנדערע אידעען און בליקן, און דער געביט פון איין אידעע ווערט אויף אַ האָר ניט אָן די צווייטע, — און פונדעסט־

וועגן איז פאַרט שווער פאַר די באַנײַער צו גיין זיכער מיט זייער וועג און זיי זײַנען געצוווּנגען צו מאַכן אָנשטרענגונגען און זיך דורכשלאָגן אַ וועג מיט בלוט פון זייערע פעדערס, וואָס זיי פאַרגיסן אין זייער ליטעראַטור, פּונקט ווי די העלדן, וואָס פאַרגיסן זייער בלוט אויפן שלאַכטפעלד, — איז ווי שרעקלעך דאַרף שוין זײַן אַזאַ מלחמה בײַ אַ פאָלק, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט שוין הונדערטער יאָרן און שטעלט אַפילו קיין איין טריט ניט אויפן וועג פון לעבן (אָרחות חיים). אויב עס הייבן אָן פּלוצים צו בלאָזן נײַע ווינטן און די פלאַמיקע שטים פון דער צוקונפט וועקט אים אויף פון זײַן שלאָף צו לעבן מיטן ליכט פון אַ מענטשלעך לעבן, אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם שטויב פון דער קעגנוואַרט און אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון דער פאַרגאַנגענהייט".

צוזאַמען מיט די נײַע ווינטן און דער פלאַמיקער שטים — פּאָלעמיזירט לערנער ווײַטער — „איז אויפגעקומען פּלוצים אַ נײַער דור, וואָס זײַן ציל איז צו גיין און מיטגיין צוזאַמען מיט דער איבעריקער מענטשלעכער געזעלשאַפט". און עס האָט זיך צעפלאַקערט „אַ שווערע און מוראדיקע מלחמה" צווישן „די זקנים" און „אַ קליין הייפעלע" טראַכטנדיקע רעאַליסטן. די ווייניקע יוגנטלעכע זעען אויס שוואַך אויבנאויף, „אָבער אין דער אמתן זײַנען זיי שטאַרק ווי ריזן, ווײַל דער צײַט שפּילט פאַר זיי און דער גײַסט פון צײַט קעמפט פאַר זיי און שטאַרקט זיי".

ווי אַ טראַכטנדיקער רעאַליסט עצהט ער גאָטלאָבערן, און מיט אים אַלע חברים זײַנע, זיך צוהערן און בעסער פאַרשטיין די סיבה, דעם מקור פון דעם גרויסן פּחד, וואָס איז זיי באַפאַלן. „מיט אַ קאַלטן געמיט" דאַרפן זיי זיך אַביסל אַרײַנטראַכטן אין דעם גאַנצן ענין. וועט זיי ווערן „קלאָר, אַז זיי האָבן זיך אומזיסט געשראָקן, און די זאַך גופא איז גאַנץ איינפאַך... קען זיי קומען צונוץ און פאַרשאַפן אַפילו פאַרגעניגן".

אין זײַן שאַרפער פּאָלעמיק דערמאָנט לערנער גאָטלאָבערן ווי אַזוי

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געלעבט אין פֿינצטערניש. „צוליב סיבות אינע־ווייניקסטע און דרויסנדיקסטע", „האָבן די ייִדן ניט געטראַכט ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן זייער מצב אין געזעלשאַפֿטלעכן און מלוכהשן לעבן." זיי זיינען ניט געקומען אין באַריר מיטן פֿאָלק, ווו זיי האָבן געפֿונען אַ מקום מקלט. די לומדים האָבן זייער גאַנץ לעבן אַרײַנגעטאָן אין די ספֿרים, וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך אַלע רדיפֿות אין מיטלאַלטער. איז נאַטירלעך, פֿאַרוואָס די ספֿרים־שפּראַך זאָל זיי זײַן ליב און טײַער, און זיי זאָלן זי באַטראַכטן „ווי אַ הייליקע מצבה". אָבער די דאָזיקע מצבה „איז געבליבן שטיין ניט גערירט פֿון איר אָרט במשך דורי דורות ביז הײַנטיקן טאָג". פֿאַרשטויסענע פֿון דער געזעלשאַפֿט, אײַנגעשלאָסן אין אייגענער פֿאַרלאָרנקייט האָבן זיי געפֿונען אַ טרייסט אין דער דאָ־זיקער הייליקער שפּראַך, „וואָס נאָר זי אַליין איז געווען זייער פֿרייד און טרייסט אין די צײַטן פֿון פּײַן און בראָך". דאָס געפּײַניקטע און אונטערדריקטע פֿאָלק האָט געקוקט אויף דער הייליקער שפּראַך „ווי אויף אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון קיום האומה". זי שטאַרקט אויך די אמונה. דערפֿאַר האָט דאָס פֿאָלק באַוווּנדערט יעדן איינעם, וואָס האָט געקענט אָנשרײַבן אַ פּאָר שורות אויף לשון קודש. דאָס פֿאָלק „האָט אויף אַזעלכן געקוקט מיט חשיבֿות, ווײַל ער הייבט אויף דעם אָנזען פֿון זיין פֿאָלק און שפּראַך."

„אָט די דאָזיקע צײַט" — שרײַבט לערנער ווײַטער — „אַ צײַט פֿון פֿינצטערניש איז געווען די גליקלעכסטע אינעם לעבן פֿון די העברעישע שרײַבער... דעמאָלט איז לײַכט געווען פֿאַר אַ מענטשן, — וואָס ניט געלערנט און ניט געלייענט, — גע־קרוינט צו ווערן מיטן נאָמען מחבר, ווײַל אַחוץ דעם ווערט פֿון דער שפּראַך האָבן די לייענער גאָרניט געוווּסט און האָבן פֿון זייערע שרײַבער מער גאָרניט געפֿאָדערט. די דאָזיקע צײַט איז געווען אַ ווונדערלעכע, ווײַל דעמאָלט האָבן מיר געזען אומגלויב־לעכע זאַכן, ווען יעטווועדער שרײַבער האָט פֿאַרמאָגט כלערליי מעלות, — געווען אַ דיכטער, אַ מליץ, אַן אויפֿקלערער, אַ בעל דקדוק, אַ זאָלאָג, אַ בעלעטריסט, אַלץ צוזאַמען. און וואָס ס'איז

נ אָ ך מ ע ר וווּנדערלעך — דאָס רוב פון זיי האָט ניט געוווּסט פון רעכטס אויף לינקס און גאָר באַזונדער איז זיי פרעמד געווען דער ענין, וואָס מיט אים האָבן זיי זיך פאַרנומען".

די שרײַבער — טענהט לערנער — האָבן געשריבן מיט עפּעס אַ פאַרכישופטער פּען, „השבעת הקולמוס". זייער האַרץ האָט ניט געפילט און זייער שכל האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ברענגען אַרויס אויפן פּאַפּיר. מיט אַנדערע ווערטער — עס האָט געפעלט ב אַ וו וּ ס ט זײַ ן, יענער באַוווּסטזײַן, וואָס פּיסאַרעוו האָט געפאָדערט פון דער „טראַכטנדיקער פערזענלעכקייט". די ניהיליסטן, די ייִדישע אַרײַנגערעכנט, האָבן זיך געשטיצט אויפן באַוווּסטזײַן אין זייער קאַמף קעגן ווילדער פאַרערונג און ווילדער באַגײַסטערונג. קעגן נאָכפּלאַפּלען כלומרשטע אויטאָריטעטן, קעגן איבערנעמען אַלטע ווי אויך נײַע געדאַנקען, בלינדערהייט, אָן שום קריטישער קאָנטראָל. און ווען דער יונגער דור האָט דאָס פּלוצים אַליין אויפגעדעקט האָט „די שטים פון דער יוגנט... גע־טראָפן די שרײַבער ווי אַ דונער" און פון דאַנען נעמט זיך זייער צעטומלעניש און ווילדקייט, מיט וועלכער זיי האָבן געזעצט די ניהיליסטן איבער די קעפּ. און די יונגע האָבן דאָס געטאָן — שרײַבט ווײַטער לערנער — נישט לשם שקאָצערײַ, נאָר מחמת דער הייליקער פליכט, וואָס די יוגנט טראָגט אין זיך און וואָס זי איז שולדיק דעם אומגליקלעכן פאָלק.

„אמת — פאַרטיידיקט לערנער די פּאָזיציע פון זײַנע חברים לדעה — „דאָ ניט לאַנג האָט זיך אָפּגעטאָן די שכינה פון די דאָזיקע שרײַבער און זייער שטערן פון גליק האָט אויפגעהערט צו שײַנען, — ווײַל די לעצטע צײַט, ווען כמעט אין אַלע לענדער האָבן אונדזערע ברידער אָנגע־הויבן אַרויסצוגיין פון קנעכטשאַפט צו פרײַהייט און גענומען מתקן זײַן דעם מצב פון זייער בילדונג, האָט די יוגנט זיך גענומען באַמיען אויפ־צועפענען די אויגן פון פאָלק און אויפווײַזן אים, אַז מיט זײַנע שרײַבער פּירט דער שקר, זיי האָבן פאַרשוועכט די הייליקייט פון דער פּראָזע מיט זייער אויפווײַזן, אַז לא המדרש עיקר אלא המעשה".

מען מוז צוגעבן, לערנערס ארויסטריט קעגן גאָטלאָזבערן איז זייער א שאַרפער, אַן אומברחמנותדיקער, וואָס רופט נישט ארויס קיין סימפּאַטיעס צו אים. ער חזרט זיך אָפּט איבער אין דער דאָזיקער בראָשור. דאָך, פון פּאָלעמישן שטאַנדפּונקט, איז עס אָנגעשריבן מיט א סך אימפּעט און טאַלאַנט. אים גיט זיך איַין אָננעמען דעם אָקס פאַר די הערנער. דער פּאַמפלעט איז געשריבן מיטן טעמפּעראַמענט, וואָס איז געווען אין דער מאָדע און שטאַרק אָנגעלייגט אין די 60־ער יאָרן. און ווען מען קלייבט זיך פּאַנאַנדער אין דעם גאַנצן קאַמף צווישן די ניהיליסטן און די אַלטע, ווערט קלאָר, אַז די ניהיליסטן, אין דער פּערזאָן פון קאָוונערן, זיַינען טאַקע געווען די ערשטע אָנצוהייבן די זייער שאַרפע אַטאַקעס קעגן דעם, וואָס זיי האָבן אָנגענומען פאַר בטלנות און אָפּגעשטאַנענקייט. אָבער די קעגן־אַטאַקעס מצד די אַלטע זיינען בלי ספק געווען א סך גרעסער און ביטערער, ממש ווילד. און זיי האָבן טאַקע דערמיט געשאַפן די פייַער־ליניע צווישן זיך און דער יוגנט. זיי האָבן זיך נישט צוגעהערט צו די טענות פון דער יוגנט, זיך נישט פאַרטיפט אין זיי. זיי האָבן נישט באַטראַכט די יוגנט ווי דעם המשך, די צוקונפט פון דער אייגענער קולטור. זיי האָבן זיך א לאָז געטאָן אויף איר אָן שום אונטערשייד וואָס פאַרא געווער זיי האָבן געכאַפּט אין האַנט. די יוגנט איז טאַקע נישט געווען אינגאַנצן גערעכט. דער כבוד פון די אַלטע איז טאַקע געווען שטאַרק אָנגערירט דאָך האָט עס נאָך אַלץ נישט באַרעכטיקט יענעם ווילדעווען, וואָס די אַלטע האָבן ארויסגעוויזן. אָבער אַזוי ווערט די שקאַצעוואַטע יוגנט אַלעמאָל באַגעגנט מצד די „אַלטע", סיַידן די „אַלטע" פאַרמאָגן אביסל הומאָר, טיפע קולטור אָדער באַוווסטזיַין. איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס ווי אַן ענטפער אויף די אַלע גוואַלדן מצד די עלטערע, האָט לערנער גערעדט אין זיַין פּאַמפלעט מיט באַקצייַנער. ער האָט אָפן אָנגערירט אַלע הויפּטפּונקטן, וואָס זיַינען געווען פאַרוויקלט אין דעם דאָזיקן קאַמף.

ער פאָדערט־אויף גאָטלאָזבערן און זיַינע חברים זיי זאָלן אויפהערן „טומלען, יאָמערן און קלאָגן". בעסער זיך צונויפנעמען, מיט די לעצטע כוחות, און א קוק טאָן אויפן אָרט, וואָס פון אים זיַינען אַנטלאָפן גאָט־לאָבער און זיַינע צניעות־חברים. „דעמאָלט וואָלסטו געזען" — שריַיבט לערנער — „אַז דאָרטן שיַינט א מיַיער ליכט, א צעזייט ליכט פאַר א צדיק

(אור זרוע לצדיק) אַז דאָרטן בליצט אויף דער שכל, אַז דאָרט באַפעס־טיקט ער באמת זײַן טראָן. אַט־די ערד, וואָס פאַר איר האָסטו זיך פאַרקרימט זעענדיק זי פון דערווײַטנס, איז אַ הייליקע ערד און קיין פרעמדער טאָר זי ניט באַטרעטן, און גאַנצע ציטערניש, וואָס האָט דיך ארומגענומען איז בלויז דערפאַר, ווײַל ד אָ ס ו ו י ס ן איז בײַ די יידישע שרײַבער, ווי אַן אויסשלאַק.

נישט נאָר וויסן שעצט לערנער זייער הויך, נאָר נאָך מער דעם פּי־סאַרעווישן הויפּט־יסוד — דעם באַוווּסטזײַן. גאָטלאָבער און זײַנע חברים, האַלט ער, קענען נישט באַנעמען דעם גאַנצן לעבנסשטייגער און די פּירונגען פון די יונגע. זיי, די יונגע, שטויסן ממש אָפּ מיט די אייגענע הענט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס זיי האָבן געקענט דערגרייכן דורך דער־ליטעראַטור, ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַזעלכע משוגעים. די יונגע, דער־קלערט לערנער, זאָגן זיך גאָרנישט אָפּ פון אַ גוט לעבן און תענוגים, נאָר זייער גרעסטער פאַרגעניגן איז גאָר אַן אַנדערער. ער באַשטייט אין דעם, וואָס „ז יי פ י ל ן וואָס זיי שרײַבן...” אָט דער „באַוווּסטזײַן — באַטאָנט לערנער — דאָס איז דער גרעסטער תענוג אין דעם לעבן פון דער יוגנט. און דעם דאָזיקן תענוג פילן נישט דײַנע ברידער די זקנים, זאָלן זיי אפילו לעבן מתושלחס יאָרן, ווײַל אין זייערע ווערק איז נישטאָ דער ג ײַ ס ט פ ו ן ל ע ב ן...”

וויסן, באַוווּסטזײַן, שכל הישר — אָט־דאָס דאַרף דער שרײַבער ברענגען דעם פאָלק. און מיט דעם זעלביקן ראַציאָנאַליזם קומט לערנער צו נאָך אַ טיפערער פראַגע, וואָס איז געווען אַ סכנה אָנצורירן אין די 60־ער יאָרן — דאָס באַהאַלטן זיך הינטערן פאַרהאַנג פון אמונה „איך וויים גאַנץ גוט” — לאָזט ער נישט אָפּ גאָטלאָבערן — „אַז דער שכל הישר איז ווי אַ שטעכיקער דאָרן פאַר אַזאַ מענטשן ווי דו ביסט, און דו נאַרסט זיך מיט דער האָפענונג זיך צו קענען ראַטעווען מיט „אָנכאַפּן זיך פאַרן מזבח”. ווי דאָס ווײַזט טאַקע דײַן בראַשור, אַז דו האָסט אָנגעטאָן די מאַסקע פון אמונה אויף דײַן פּנים, געמיינט — מ׳וועט דיך נישט דערקענען. און איך בין נאָך מער ווי זיכער אַז אין דער פּאַסיקער צײַט ווען ס׳וועט דיך ווידער באַפאַלן אַ מורא פאַרן שכל און דײַן ערשטע עצה וועט דיר גאָרנישט העלפן, וועסטו ווידער זוכן הילף

אפילו אין אָבערגלויבן, און וועסט מ ט ה ר ז ײַ ן ד ע ם ש ר ץ ב ק ן ט ע מ י ם: ס'וועט דיר זײַן אַ סך אָנגענעמער צו זוכן שוץ אין שאָטן פון שקר און פאַלשקייט איידער זיך בויגן פאַרן שכל, וואָס דיר זעט אוים אַזוי מאוימדיק."

נאָך שאַרפער פאַלט ער אָן אויף א. צ. צווייפלען. לערנער קען עס גאַרנישט באַנעמען ווי אַזוי אַן אויפקלערער, אַ פירער, אַ וואָרט־זאָגער, אַ ליכט־ברענגער זאָל גאָר געפינען אַ זכות אויף חסידות. פאַר די ייִדישע פּאָזיטיוויסטן איז חסידות געווען דער פינצטערסטער שונא. חסידות, האָבן זיי געהאַלטן, האָט גורם געווען דעם פאָלקס זינקען אין עם־הארצות. ווי אַ ראַדיקאַלער ראַציאָנאַליסט פון די 60־ער יאָרן זעט לערנער צביעות און שווינדל אין אַ פּאָזיטיווער באַציִונג צו חסידות מצד אַ פירנדיקן משכיל. „עס ווערט נאָך אומעטיקער — שרײַבט לערנער — ווען מען זעט ווי אַזעלכע זאַכן קומען פאַר אינמיטן העלן טאָג, מחמת דער אומפאַרשעמטקייט און מחמת דעם מוט פון עטלעכע שווינדלער, פון טונקעלע ייִדישע ליטעראַטן".

די דאָזיקע שאַרפע ווערטער האָט לערנער געשריבן אין „אָדעסקי וויעסט־ניק" (1869, נומ. 24, ז. 82), איבערגעדרוקט אין „קיעוולאַנין" (1869, נומ. 16 ז. 68), אין שייכות מיט צווייפלס ווערק „שלום על ישראל". ווי שאַרף דער אַרויסטריט זאָל נישט האָבן געווען, שטימט ער אָבער מיטן גאַנצן גאַנג פון די „יונגע" אין די 60־טער יאָרן. דער קאַמף קעגן די „אַלטע" איז דאָ געווען אויף טויט און אויף לעבן. אוןביידע צדדים האָבן גערעדט אומברחמנותדיקע, אָפענע רייד. שרײַבט לערנער אין דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן אַרטיקל („ביבליאָגראַפישע נײַעס"):

„נישט לאַנג צוריק איז אויף העברעיִש אַרויס אַ בוך אונטערן נאָמען „שלום על ישראל", וואָס זײַן ציל איז צו פאַרטיידיקן די חסידים און פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון אַלע, וואָס וואַגן אָנצורירן דעם כבוד פון דעם הויפּט־גרינדער פון חסידיזם דעם געטלעכן מענטשן, ר' י ש ר א ל ב ע ל - ש ם - ט ו ב. דאָס דאָזיקע מלמד זכות זײַן דעם צדיקיזם געהערט איינעם פון די באַוווּסטע שרײַבער — ה' צווייפל. אויב מיט פיר יאָר צוריק האָט איינער

א ייִדישער פּובליציסט זיך אָנגעשטרענגט צו באַווייזן, אַז מיר דאַרפן האַלטן דעם חסידיזם פאַר אַ סיסטעם, און דערצו נאָך אַ סיסטעם, וואָס איז פאַרלייגט אין די הערצער פון אירע אָנהענגער. — איז ה׳ צווייפל אַוועק אַ סך ווייטער. ה׳ צווייפל, נעמט אָן, אַז דער חסידיזם האָט געבראַכט ייִדן גאָר גרויסע נוצן, פאָדערט ער פון אונדז, אַז מיר זאָלן צאָלן דרך־ארץ־צינזן דעם הויפּט־גרינדער פון דער דאָזיקער נ י צ ל ע כ ע ר סעקטע, און אַליין טרעט ער אַרויס ווי אַ בײַשפּיל דערמיט, וואָס ער האָט אין אָנהייב פון זײַן ווערק אָפּגעדרוקט אַ ספּעציעל ליד און לויב־געזאַנג דעם צדיק ב ע ל ־ ש ם ־ ט ו ב. דאָס ליד איז אָנגעשריבן פּונקט אין דעם זעלביקן אופן ווי עס זײַנען בדרך כלל געשריבן אַלע צדיקישע ווערק. זייער גערעכט באַמערקט וועגן דעם די צײַטונג „המליץ״, אַז די דאָזיקע צווייפלס אָריגינעלע מיטלען זײַנען עדות פון זײַן אָנשטרענגונג זיך נאָכצומאַכן דעם שטייגער פון די חסידים, ווי דאָס טוען אָפט ביליקע סוחרים, וואָס ווילן נושא פּנים זײַן בײַ זייערע קונים, טוען זיי זיי נאָך ווי מאַלפּעס און מאַכן זיי נאָך אַפילו מיט זייערע העוויות און רייד״. דאָ קומט אַ פּוסנאָטיץ אין לערנערס אַרטיקל, וואָס לייענט זיך אַזוי: „נאָכדעם ווי מיר האָבן געענדיקט דעם איצטיקן אַרטיקל, האָבן מיר דורכגעלייענט אין דעם 44־טן נומער „המליץ״, אַז ה׳ צווייפל האָט מחמת סיבות, וואָס הענגען נישט אָפּ פון אים, געמוזט מאַכן צוגאָבן צו זײַן ווערק״.

ווייטער שרײַבט לערנער:

„ה׳ צווייפלס איצטיק ווערק איז בלויז דער ערשטער טייל פון דעם בוך, ווו דער מחבר רעכנט אונדז אין גיכן באַקענען מיט זײַן אָן־פּניותדיקן בליק. אויב מען זאָל גלויבן די שמועות, געמעלדעט אין „קול מבשר״, נעמען אַנטייל אין דער דאָזיקער אויסגאַבע אַלע צדיקים, וואָס וווינען אין די מערב־גובערניעס. עס פאַרשטייט זיך, ס׳איז אָבער שווער נישט צו באַוווּנדערן די פלינקייט מיט וועלכער די צדיקים אָרדענען אײַן בדרך כלל זייערע געשעפטן. אונדז אָבער פאַרחידושט דער אומשטאַנד, וואָס אינעם

איצטיקן פאַל איז דער כלי־זיין אין די הענט פון די צדיקים נישט עפּעס סתם אַ חסיד, נאָר ה׳ צווייפּל, דער לערער פון זשיטאָמירער ראַבינער־שולע — אַן אַנשטאַלט, וואָס ווערט פאַררעכנט ווי דאָס פלאַנץ־אָרט פאַר אויפקלערונג צווישן רוסישע ייִדן״.

„עס ווערט טרויעריק ווען מען זעט אַזאַ פלינקן שווינדל... אַזעלכע שעדלעכע ביכער דרוקן זיך, און מעגלעך, ווי אַ מאָראַלי־שער סם, ווערן זיי פאַרשפּרייט אין פאָלק, בעת דעם פאַרשטאַר־בענעם י. ב. לעווינזאָנס אויסגעצייכנטע ווערק, וואָס זייער נוצן איז אויגנשיינלעך, דאַרפן ליגן ערגעץ־ווו פאַרשטעקט. טרויעריק, און דאָך איז עס אמת״.

לערנער דער ייִדישיסט

וויסן, באַוווּסטזיין און שכל הישר — דאָס זײַנען געווען די סאַמע וויכטיקסטע יסודות אין לערנערס טראַכטן און שרײַבן. אָבער נישט בלויז די דערמאָנטע געדאַנקען האָבן אים געמאַכט פאַר אַ דעמאָקראַט און אַ ראַדיקאַל. זיך באַהעפטן אָדער וועלן זײַן באַהאַפטן מיטן פאָלק, קען מען נישט בלויז מיט פּלפּול. ערגעץ־ווו זײַנען אין לערנערן געלעגן טיפערע וואָרצלען. זיי האָבן אים פאַרבונדן מיטן פאָלקס־גורל, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אויף דער עלטער האָט ער גאָר פאַרלאָזן זײַן פאָלק.

צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ אין די 60־ער, 70־ער און 80־ער יאָרן זײַנען געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך דערוווּסטערט פון פאָלק, ווי נאָר זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו די טויערן פון דער הערשנדיקער פרעמ־דער קולטור. טייל האָבן זיך נישט נאָר דערוווּסטערט, נאָר זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלאָזן זייערע ברידער.

למשל — פאַר זײַנע אָנפאַלן האָט מען קאָוונערן געענטפערט נאָך מיט גרעסערע. איינע פון די סיבות איז אויך געווען דאָס, וואָס מען האָט אין זײַנע רייד דערפילט אַ פרעמדן. און נישט נאָר אַ פרעמדן, נאָר אַ מענטשן, וואָס אים גייט באמת וויניק־וואָס אָן די גאַנצע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור. פון דעם „קול מבשר״ האָט ער, אגב, נאָך געהאַלטן, ווײַל די צײַטונג טוט עפּעס אויף צווישן פאָלק. אויך פּאַפּערנאָ און מענדעלע

זײַנען אַנגעפאַלן אויף די העברעיִשע שרײַבער פון זייער צײַט. אויך מענדעלעס אַרויסטריט איז „געקומען ווי אַ קויל אין דער מחנה רויקע שרײַבער". אויך מענדעלע האָט געהאַט צו זיי טענות — זיי זײַנען ווײַט פון לעבן, האַלטן אין שפּינען חלומות בעת דאָס פאָלק טרינקט זיך אין אָרעמקייט און עם־הארצות. אָבער אין מענדעלעס רייד האָבן זיי נישט געפילט קיין פרעמדן. קאָוונער זאָגט זיי אָפּ דאָס לעבן. סמט ממש דעם גאַנצן קיום פון דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. און ער טוט עס מיט אַ באַזונדער הנאה, נאָענט צו סאַדיזם. „דאָס וואָס בײַ אײַך רופט אַרויס באַדויערן און טרויער" — שרײַבט ער צו פּאַפּערנאָ — „דערוועקט אין מיר עקל און פאַראַכטונג. יעדער פון אונדזביידן פאַר־מאָגט זײַן באַזונדער כאַראַקטער, זײַן באַזונדער ריכטונג. איר מיינט, אַז מען דאַרף ווירקן מיט לעבלעכע וואַסער. איך אָבער האַלט מער פון זוריקע, און איך וויל מיט דעם ברײען די ליטעראַרישע שווינדלער".

קאָוונער האָט אין אַ בריוו צו אַ רוסישן שריפטשטעלער געשריבן: די פּראָגרעסיווע אידעען אין די 60־ער יאָרן האָבן אים אינגאַנצן אָפּ־געפרעמדט און אָפּגעזונדערט פון יידישן פאָלק (שאול גינזבורג: „משומ־דים אין צאַרישן רוסלאַנד" ז' 167). און שאול גינזבורג גיט איבער: „מיט דעם יידנטום האָט קאָוונער פולקאָם צעריסן שוין אין יענער צײַט, ווען ער האָט אויסגעגאָסן זײַן האַרץ אין דעם בריוו צו גאָרדאָנען. און ווען ער האָט מיט 25 יאָר שפּעטער זיך געטויפט, איז דאָס געווען בלויז אַן אויסערלעכע פאָרמאַליטעט, וואָס האָט אינערלעך קיין זאַך אין קאָוו־נערן נישט געענדערט".

איז נישט קיין ווונדער, וואָס מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַ פרעמדן. וועגן אונדזער ליטעראַטור האָט ער געשריבן: „זאָלן אונדזערע שריפטשטעלער נישט מיינען, אַז זיי וועלן באַשאַפן אין העברעיִש אַ לעבעדיקע, דויערהאַפטיקע ליטעראַטור. דאָס וועט קיינמאָל נישט זײַן. זייער אויפגאַבע דאַרף באַשטיין בלויז אין דערוועקן מיט דער הילף פון העברעיִש און יידיש בײַ אונדזער יוגנט אַ דורשט נאָך בילדונג, אָבער שטילן אָט־דעם דורשט וועט די יידישע יוגנט קאָנען נאָר מיט דער הילף פון די אייראָפּעיִשע שפּראַכן. העברעיִש און יידיש וועלן פאַר דעם יידישן

לייענער דינען נאָר ווי אַ טרעפּ צום טעמפּל פון די הויכע שפּראַכן, און נאָר דאָרטן וועלן זיי דערזען דאָס אמתע ליכט".

לערנער האָט אויך פאַרלאָזן זײַן פאָלק אויף דער עלטער פּונקט ווי קאַוונער. אָבער ביז זײַן פאַטאַלן שריט איז זײַן באַציִונג צום אייגענעם פאָלק געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. ער אַליין האָט נישט איינמאָל געשריבן וועגן זײַן צובונד צום פאָלק. אין זײַנע ווערק געפינען זיך אַ סך ערטער וווּ ער רעדט וועגן ליבע צום פאָלק.

אין זײַן אַנאַליז איבער אַקסענפעלדס ווערק, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ בריוו צום רעדאַקטאָר (געמיינט צעדערבוימען), דערציילט לערנער וועגן מאָראַלישע לײַדן, וואָס זײַנען אים באַפאַלן בעת ער האָט געלעבט אין כערסאָן. די דאָזיקע יסורים האָבן אים געצוווּנגען צו פאַרגעסן אַלע זײַנע צוזאָגן מכוח שרײַבן פאַר צעדערבוימס בלעטער, און בכלל אַלצדינג אין דער וועלט. און אין צײַט פון די דאָזיקע פּײַנלעכע איבערלעבונגען האָט ער אָבער אויף קיין איין רגע נישט געקענט פאַרגעסן דעם צושטאַנד פון זײַן פאָלק, — „וואָס גליוועט נאָך אונטערן יאָך פון פאַנאַטיזם". — פאַרקערט, אין יענער צײַט האָט דער פאָלקס־מצב אים אויסגעזען „נישט אַן ערך מאַוימדיקער און נעבעכדיקער". ער האָט געטראַכט וועגן זײַנע אָרעמע ברידער, די אַלע צרות, וואָס זיי טרינקען זיך אין זיי. ער האָט געטראַכט וועגן די צדיקים, די פאַרפירער, און די שרײַבער, וואָס „פאַר־מערן די יִדישע ליטעראַטור מיט אומנוציקע, אויסגעקינצלטע ווערק". „איך האָב זיך אַ סך דערמאָנט" — שרײַבט ער דאָרטן — „און די אַלע דערינערונגען האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט מײַן טרויער".

אין זײַן קליינער הקדמה צום „דורש אל המתים" שרײַבט לערנער: „זײַנע רייד שטעכן ווי שווערדן. אָבער זיי פליסן פון אַ הארץ, וואָס האָט באמת ובתמים ליב זײַן פאָלק און ווייטיקט מיט זײַנע צרות".

אין דעם „קערמישל", געדרוקט אין „קליינעם וועקער", ווערט איי־בערגעגעבן ווי אַזוי לערנער פאַרבינדט די פּראָבלעם יִדיש מיטן עיקר־געפיל, ליבע צום פאָלק. „כל זמן", שרײַבט ער, „ער (דער ייִד) האָט ליב „יִדן", וועט ער אויך ליב האָבן „יִדיש". אָדער — „און ווער קען זיך דערווײַטערן פון זײַן אומגליקלעך, געפאַלן פאָלק?" ער גייט נאָך ווײַ־טער: ער איז מרמז, — אַז די, וואָס „שרײַען, אַז זשאַרגאָן איז קיין

לשון נישט", זיי פעלט נישט נאָר פאַרשטאַנד, נאָר די „אמתע פאָלקס־ליבע". און ווען ער טרינקט אויפן קערמישל דעם טאָסט פאַר ספּעקטאָרן, פאַר וועמען מע האָט איינגעאָרדנט דעם אינטימען יום־טוב, דריקט ער זיך אויס: „צולעצט טרינק איך פאַר אַלע יידישע שריפטשטעלער, פאַר אַלע אונדזערע חברים וואָס האָבן ליב אונדזער פאָלק און דינען מיט חשק זייערע ברידער".

ווי מיר זעען, ביי דעם ניהיליסט לערנערן איז דער צוגאַנג צו זיין פאָלק און דעם פאָלקס ליטעראַטור גאָר אַן אַנדערער ווי ביי דעם ניהיליסט קאָוונערן. און אויב די ווערטער פונעם מחבר וועגן זיינע געפילן צו זיין פאָלק זיינען נישט באַגלויבט געגוג, קען מען זיך צוקוקן צו לערנערס מעשים בשעת ער האָט געשריבן וועגן זיין ליבע צום פאָלק און צום פאָלקס שפּראַך.

לערנער האָט געקראָגן זיין רוסישע בילדונג אין גימנאַזיע. דערמיט האָבן אין יענע יאָרן זיך אויסגעצייכנט בלויז עטלעכע הונדערט יידישע יונגעלייט (זע: טשעריקאָווערס „איסטאָריאַ אָבשטשעסטוואַ דליאַ ראַס־פּראָסטראַניעניאַ פּראָסוועשטשעניאַ מעזשדו יעווריעאַמי וו' ראָסיאי". ז' 129). אין יאָר 1853 זיינען אין גאַנץ רוסלאַנד געווען 159 יידישע גימ־נאַזיסטן, און אין 1863 — נישט מער ווי 552. אין די 60־ער יאָרן איז לערנער געווען אַ פּרייער צוהערער אויפן יורידישן פאַקולטעט אין דעם נאָוואָראָסיסקי אוניווערזיטעט, אין אָדעס. ער האָט געשריבן רוסיש אין העברעיש פונקט אַזוי פריי ווי יידיש. במשך צען יאָר איז ער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם רוסישן „אָדעסקי וויעסטניק". ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין „קיעוולייאַנין" און אין „נאָוואָראָסיסקי טעלעגראַף".

קיין גרויסע מחנות יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען געווען ביכולת צו ווערן רוסישע זשורנאַליסטן, זיינען אין די 60־ער יאָרן נישט געווען. און די יענע, די דורכגענומענע מיט דער רוסישער קולטור, זיינען אָדער אינ־גאַנצן אַוועק פון פאָלק אָדער זיי האָבן זיך געהאַלטן גרויס קעגן זייער אייגן פאָלק. רוסיש קענען איז אין יענע צייטן, משמעות, געווען גאָר אַ וואַזשנער ענין. דאָס טרעפט דאָך זייער אָפט, ווען מענטשן מיט אַ שפלות־געפיל ווערן געשטעלט פאַר אַ הערשנדיקער פרעמדער קולטור. אפילו די,

וואָס זײַנען נישט געווען גאָר קיין גרויסע „רוסן", ווי, למשל, מענדעלע, אַפילו זיי האָבן געדאַרפט פירן מיט זיך אַ ביטערן קאַמף איידער זיי האָבן זיך פאַרקנסט מיט דער „פאַרשאָלטענער", „אומווירדיקער" און „פאַרשטויסענער טאָכטער". און די וואָס האָבן אַמאָל אָנגעשריבן עפּעס אין דער דאָזיקער שפּראַך, זײַנען דאָס געווען אַזעלכע, וואָס האָבן, ווי עס דריקט זיך אויס צעדערבוים, „עס געמאַכט פאַר אַ שפּאַס און האָבן גאָרנישט געדענקט אַזעלכע שריפטן ארויסצוגעבן; טייל האָבן זיך פּשוט געשעמט פלוצים מחברים צו ווערן אין דעם אָרעמען זשאַרגאָן".

און דאָ קומט אַ מענטש, אַ „אַ בעל־לשון", אַ ער קען גוט רוסיש, און ער ווערט גאָר אַ הייסער קעמפער פאַר יידיש. פאַר די 60־ער יאָרן איז ער גאָר אַן אָדם הפּוך. מיטן אויסנאַם פון ליפשיצן, איז ער דער ערשטער באַוווסטזיניקער יידישיסט בײַ אונדז.

די השכלה בײַ די פריערדיקע שרײַבער איז אין זײַנע אויגן געווען בלויז „די כלומרשטע השכלה", ווי ער דריקט זיך אויס אין אָנהייב פון זײַן „דורש אל המתים". די אמתע השכלה, וואָס האָט געפירט צום פאָלק, האָט נאָך זײַן מיינונג נאָך, אויך געמוזט פירן צו יידיש. אין זײַן „קריטישן אַנאַליז" איבער אַקסענפעלדס ווערק שרײַבט ער (ז' 3): „עס איז נישטאָ קיין בעסערער מיטל ווי צו פאַרשפּרייטן נוציקע באַגריפן אין פאָלק" ווי דורך יידיש. אָבער נישט גלאַט יידיש, נאָר — ווי ער דריקט זיך דאָרטן אויס — נאָר דורך אַ ריינעם יידיש: „כדי דורכצופירן וואָסער־עס־איז נײַעם געדאַנק אין פאָלק, דאַרף מען עס אים דערקלערן אין אַ ריינער אומגאַנגשפּראַך, און נישט אין אַן איבערגעפירטן דיאַלעקט". נאָכדעם ווי ער גיט איבער אין עטלעכע שורות אַ פּאָר געשיכטלעכע פאַקטן וועגן יידיש, רעדט ער וועגן דעם כאַראַקטער פון יידיש. די דאָזיקע באַמערקונגען איז כדאַי צו פאַרנעמען אַפילו איצט, כמעט אַ יאָרהונדערט שפּעטער.

„אין אַלגעמיין — שרײַבט דאָרטן לערנער — צייכנט זיך אויס דאָס לשון מיט אַ סך אָריגינעלקייט, ענלעך צום כאַראַקטער פון פאָלק גופא". און דאָס, מיינט לערנער, וואָס די יידן האָבן במשך זייערע וואַנדערונגען צוגעאייגנט פון אַנדערע פעלקער און געבראַכט אַהין, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט. דאָס זײַנען געווען זייער נוציקע זאַכן, וואָס מיט זיי

זיינען זיי באַרעכטיקט געוואָרן. און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין דער שפּראַך. אויף אַזאַ אופן דרינגט מען פון זיינע רייד, אַז יידיש האָט אין זיך, למשל, „די פראַנצויזישע שאַרפקייט, די דייטשישע געדאַנקען־טיפ־קייט, די ענגלישע שטרענגקייט א.א.וו.״ „די דאַזיקע שפּראַך״, שרייבט ער ווייטער, „האָט זיך אַזוי איינגעוואָרצלט אינעם פלייש און בלוט פון דעם יידן, אַז ער באַנוצט זיך מיט איר אויף יעדן טריט און שריט: מיט דער הילף פון דער דאָזיקער שפּראַך איז דער ייד אויך איצט טעטיק, ער פּראָדוצירט, האַנדלט און עקזיסטירט; די דאָזיקע שפּראַך דינט אים אין געשפּרעכן אין דער משפּחה און אין מסיבות צווישן פריינד; אויף דער דאָזיקער שפּראַך טראַכט און פילט דער ייד, האַסט און האָט ליב; מיט איין וואָרט, די דאָזיקע שפּראַך האָט זיך צוגעאייגנט פאַרן טאָגטעגלעכן לעבן און נאָר אין דער דאָזיקער שפּראַך איז ער מסוגל זיך אויסצובייטן מיט די געדאַנקען און אויסהערן אַ וואָרט, וואָס איז קלוג און נוציק פאַר אים...״

און אַרבעטן פאַר יידיש זעט אים אויס צו זיין דאָס וויכטיקסטע. די „צדיקים״, — האָט ער דאָך געגלייבט — פירן אַראָפּ דאָס פאָלק פון דרך הישר און האַלטן אים אין פינצטערניש. זיי האָבן עס פאַרשטאַ־נען ווי אַזוי צוקומען צום סאַמע האַרץ פון פאָלק — און דווקא דורך דער שפּראַך. דערפאַר איז עס ביי אים געווען אַ גרויס געשעעניש אין לעבן ווען ער האָט דערזען אַקסענפעלדס ווערק געשריבן אין יידיש, און — קינסטלעריש געשריבן. בעת ער, לערנער, איז געווען פאַרזונקען אין מרה־שחורה מכוח דעם פאָלקס־גורל האָט ער — אַדאַנק די דערמאָנטע ווערק — זיך דערפילט ווי באַנייט מיט פרישע כוחות. פאַר אים זיינען אַקסענ־פעלדס ווערק אין יידיש געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט אין פאָלקס לעבן. ער האָט דערזען אין דעם אַן אָנהייב פון אַ נייער תקופה. די נייע תקופה וועט באַקעמפן, נאָך זיין מיינונג נאָך, דעם פאָלקס ביטערסטן שונא מיט זיין אייגן געווער. דערמיט וועט זי עפענען דעם פאָלקס אויגן.

זיין גלויבן אין יידיש האָט ער אויך אויסגעדריקט אַ סך שפּעטער, סוף אַכציקער יאָרן. דאָס איז געווען ביים „קרעמישל״, וואָס גוטע פריינט פון יידישן לשון האָבן געמאַכט אין אָדעס ביים דורכפאָרן פון ה׳ מ. ספּעקטאָר, מאָנטיק דעם 19טן יוני 1889 (ב׳ תמוז ה׳ תרמ״ט לפ״ק).

אין זײַן טאָסט ענטפערט לערנער וועקסלערן (איש נעמי). וועקסלער רופט אָן יידיש „די זאַמד־שפּראַכע". „פריער אָדער שפּעטער" וועט זי צעוואָרפן דער ווינט, וואָס מען רופט אים „צײַט־גײַסט". ער ענטפערט אויך פעלדבערגן אויף דעם אויספיר וועגן יידיש, „אַז מען קען גאָרנישט וויסן ביז וואַנען דער זשאַרגאָן וועט נאָך עקזיסטירן". לערנער הייבט אָן זײַן רעדע מיט דער ווענדונג „יידן". דאָס איז נישט קיין צופאַל, דערקלערט ער, וואָרעם דאָס וואָרט יידן דערמאָנט אים אין אַן אַנדער וואָרט — „יידיש". און דאָס וואָרט „יידיש" לאָזט אים ניט מסכים זײַן מיט די אַלע עצות, וואָס מען האָט אַרויסגעזאָגט בײַם קרעמישל.

„איר ווייסט גאַנץ גוט" — זאָגט לערנער — „אַז אויסער אונדזער זשאַרגאָן, וואָס שטאַמט אַרויס פון דײַטשן, איז נאָך דאָ אַ זשאַרגאָן, וואָס האָט מער שייכות צום שפּאַנישן און וואָס מער פון אַ מיליאָן יידן, וואָס וווינען אין אייראָפּע און גרעסטנטייל אין די מזרח־לענדער, ריידן אויף אים. פון דעסטוועגן איז קיינעם נישט אײַנגעפאַלן דעם שפּאַנישן זשאַרגאָן צו הייליקן מיטן נאָמען „יידיש", און נאָר אונדזער דײַטשער זשאַרגאָן הייסט אַזוי שוין שיינע עטלעכע יאָרהונדערטער און נאָך אַצינד רופט מען אים „גאָטס יידיש" אָדער „עברי־טײַטש". „אונדזערע עלטערן האָבן מיט דורי דורות צוריק דאָס גאַנצע מזל פונעם פאָלק צוגעבונדן צו דעם לשון און מיטן „יידישן" האָבן זיי אַזוי שטאַרק פאַרקניפּט זייער נאַציאָנאַליטעט פון איין זײַט, די צרות פון דער אַנדער זײַט, אַז דער חוט המשולש וועט שוין קיינמאָל נישט איבערגעריסן ווערן". אונדזערע קינדער ווי אויך דער נײַער דור מעגן זיך וויל ריידן דאָס מדינה־לשון און אַפילו נישט פאַרשטיין קיין יידיש. דאָך וועט אַלץ אונדזער לשון ל ע ב ן, ווײַל עס ה יי ס ט יידיש, עס א י ז יידיש! אין דעם זשאַרגאָן דריקט זיך אויס דאָס יידישע גלײַכווערטל, דאָס יידישע המצאהלע, דאָס יידישע חכמהלע, דאָס יידיש(ע) פּשטל, דער יידישער קרעכץ, מיט איין וואָרט דאָ ליגט דער ייד מיט די ביינער, און ווי ווײַט איטלעכער זאָל זײַן אָפּגעריסן פון דעם אויסנווייניקסטן „יידישקייט", ווי אַזוי די דערציִונג זאָל אים נישט דערווײַטערן פון פאַרשיידענע זאַכן וואָס לייגט אויף זיי די „יידישע" חתימה, בלײַבט ער צוגעבונדן צו דעם, וואָס מיר רופן „דאָס פּינטעלע ייד"... און כל זמן ער האָט ליב „יידן", וועט ער אויך ליב

האָבן „יידיש"... זײַנען אים נאָענט זײַנע ברידער, וועט ער זיך אויך נישט דערווײַטערן פון זייער לשון. און ווער גען זיך דערווײַטערן פון זײַן אומגליקלעך, געפאַלן פאָלק ווער קען געבן אַ שפּיי דערויף, וואָס זיי רופן „יידיש", וואָס זיי שטעלן אַרויס אויף דער פאָן פון זייער נאַציאָ־נאַליטעט?... דעריבער געפין איך, אַז ה' וועקסלער האָט נישט רעכט דערמיט, וואָס ער קוקט אויפן זשאַרגאָן ווי אויף זאַמד: פון דעם זאַמד זײַנען שוין לאַנג שטיינער, לוחות אבן, וואָס אויף זיי האָט דער ייִד אויסגעקריצט אַלע זײַנע האָפענונגען, זײַן נאַציאָנאַליטעט־געפיל, זײַן גאַנץ חיות... דעריבער רעכן איך אויך, אַז ה' פעלדבערג וואָלט נישט באַדאַרפט אַזוי אומבאַשטימט ריידן וועגן דער צוקונפט פונעם זשאַרגאָן: ער מיינט, אַז מע קען נישט וויסן וויפל יאָרהונדערטער דער זשאַרגאָן וועט נאָך עקזיסטירן, און איך זאָג, אַז מע קען עס יאָ וויסן, דער חשבון איז קלאָר, — כל זמן „יידן" וועלן זײַן, וועלן זיי ריידן „יידיש", מיט אַנדערע ווערטער: דער זשאַרגאָן וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי די יידישע נאַציאָנאַליטעט".

אין זײַן שטודיע „די יידישע מוזע" (וועגן יידישע פאָלקסלידער) — אפשר די ערשטע שטודיע פון דעם מין — באַמיט ער זיך פאַרטיידיקן די יידישע שפּראַך. נאָכמער — ער טרעט אַרויס קעגן אַלע שונאים פון יידיש: קעגן די נאַציאָנאַליסטן, קעגן די אַסימילאַטאָרן און די „מיוחסים". „פונקט אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן פון דעם יידישן פאָלק — שרײַבט ער דאָרטן — שלעפּט זיך אויף נישט קיין געוויינלעכע אופנים, אַזוי קען מען אויך די זעלבע אומגעוויינלעכקייטן באַמערקן אין דעם גאַנג פון דער שפּראַך. און גראָד דעמאָלט, ווען די לאַגע פון אונדזערע ברידער איז נישט אַזוי פוינלדיק... זעט מען דעם זשאַרגאָן דווקא אויפהייבן דעם קאָפּ און כמעט אַזוי ווי פאָדערן מע זאָל אים אויך אָפּגעבן אַ פּלאַץ צווישן אַלע לשונות. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? מיר וועלן קיין באַזונדערע פירושים ניט לערנען. נאָר איין זאַך מוזן מיר זאָגן, אַז ווער וויים אויב פון אַזא באַ־לעבונג פון דעם פאַרשימלטן זשאַרגאָן איז אויך נישט אָפּהענגיק אַ גרע־סער תחית המתים — אַן אויפלעבונג פון דעם גאַנצן פאָלק, אַ דערמונטערן פונעם הונדערט־יעריקן חלשות, אַ נײַער אָטעם פון נאַציאָנאַל־געפיל, אַן

אָנהייבן רירן מיט קראַנקע אברים און טאַקע אַן התחלה צום געזונט ווערן בפה מלא".

מיטן אויפלעבן ייִדיש זעט ער אויך ווי דאָס גאַנצע פאָלק וועט אויפלעבן. לערנער האָט פאָרויסגעזען יענעם גרויסן אויפשטײַג, אַ מין רענעסאַנס פון דער גאַנצער מאָדערנער ייִדישער קולטור. ער שטעלט זיך אָפּ אויך „אויף דעם, וואָס די שונאים האָבן אויסגעטראַכט. ער (דער זשאַר־גאָן) קער זיך גאָר ווייניק אָן מיט דער איידעלער מאַטעריע, וואָס הייסט פּאָעזיע". דאָס האָט אים מן הסתם אָנגערעגט צו שרײַבן די שטודיע וועגן פאָלקסליד.

„די ייִדישע מוזע" — שרײַבט ער — „שטייט נישט ווײַט פון אַלע אירע שוועסטער! אַלע באַגלײַך זײַנען זיי מתנות פון גאָט: דאָס זײַנען צווײַגן פון איין גרויסן בוים, וואָס טראָגט אויף זיך איבעראַל אַלע איינע טײַערע פירות און שמעקעדיקע בשמים. אויפן אייביק גרינעם באַרג, ווו אַלע מוזעס שטייען פאַרן כסא הכבוד, האָט אויך די ייִדישע מוזע איר בכבודיקן פּלאַץ און איבער איר איז אויך אויסגעגאָסן דער אייגענער חן, דאָס אייגענע שיינקייט. זי איז נישט קיין אָפּגעריבענע מטבע, נישט קיין אָפּגעשלאָגענע הושענא. זי איז אַ וואַסער פון דעם קוואַל, וואָס דער־קוויקט דאָס דאַרשטיק מענטשלעך האַרץ. זי איז אַ שטיק פון דעם פײַער, וואָס וועט אייביק ברענען און קיין מאָל נישט פאַרלאָשן ווערן".

און ער ענדיקט זײַן שטודיע מיט דעם פאַרקירצטן פּסוק פון שמות: „של נעליך מעל רגליך כי אדמת קודש הוא! וואַרף אַראָפּ די שיך, דען דו שטייסט אויף אַ הייליק אָרט..."

רעאַליסטישע קריטיק

לערנערס צוגאַנג צום ייִדישן פאָלק און צו ייִדיש איז געווען מער עמאָציאָנעל ווי אינטעלעקטועל. פריער איז בײַ אים געקומען דאָס גע־פיל, שפּעטער ערשט האָט ער געשאַפן זײַן טעאָריע. פריער האָט אים באַוועלטיקט זײַן געמיט, און ערשט שפּעטער האָט ער ראַציאָנאַליזירט זײַנע געפילן.

אויבנויף קען זיך אויסדראַכטן: אין קריטיק איז לערנער, ווי פּי־

סאַרעוו, בלויז ראַציאָנאַליסטיש. אַלץ דאַרף דאָך ווערן באַלויכטן מיט וויסן, באַוווּסטזיַין און שכל הישר. איז דאָס טאַקע אמת וועגן יענעם טייל קריטיק, ווו לערנער באַטאָנט דאָס ניצלעכע, דאָס געזעלשאַפט־לעך־נייטיקע אין קונסט. אָבער מערקווירדיק — דאָס ווערטפולסטע אין לערנערס קריטיק איז גאָר עפּעס אַנדערש. ניט געקוקט אויף זיַין „פּי־סאַרעווישטשינע", קומען־אויף אין אים גדאַנקען, בעסער געזאָגט, גע־פילן, מכוח קונסט־פּראָבלעמען. דערמיט איז ער אַנדערש ווי די דעמאָלטיקע רעאַליסטן־קריטיקער. ווי קאַוונער, למשל, האָבן זיי דאָך געהאַלטן, אַז אַרטיקל וועגן באַמיסטיקן פעלדער פאַר וויכטיקער ווי פּושקינס, לערמאָנטאָווס און מיכל לעבענזאָנס לידער.

אין זיַין רעאַליסטישער קריטיק זיינען ניכּר צוויי זאַכן: א) זיַין מאָנען נוצן און ב) אָביעקטיווע עסטעטיק. איינס שטראָמט אַרויס פון צווייטן, איינס לעבט אין זכות פון צווייטן. אין פּרט עסטע־טיק טיילט ער זיך אויס פון זיַין גאַנצן דור. דאָס שטעלט אים אויך אַוועק אויף אַ הויכער מדריגה אין דער געשיכטע פון יידישער קריטיק.

ווען מיר באַטראַכטן דעם קאַמף אין די 60ער יאָרן צווישן די ערשטע העברעישע שריַיבער פון אַלטן דור און די יונגע ניהיליסטן, זעען מיר עפּעס מער ווי אַ קאַמף צווישן צוויי קריַיזן שריַיבער. דאָס איז געווען אַ קאַמף ניט נאָר פאַר פאַרשיידענע סאָציאַלע אָריענטאַציעס, פאַר רע־וואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם, קעגן קאָנסערוואַטיזם אָדער מילדן ליבע־ראַליזם. געווען איז דאָס אויך אַ קאַמף — צווישן רעאַליזם און ראָמאַנ־טיזם.

ניט נאָר די שאַרף־רעוואָלוציאָנערע צווישן די „יונגע" זיינען גע־ווען קעגן די עלטערע בעלי־מליצה. אויך מענטשן, וואָס זיינען ניט גע־ווען אינגאַנצן מסכּים מיט די „יונגע" האָבן געמוזט אַנערקענען דעם גאַנג אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום דירעקטן שייַ־כות מיטן פּאַקטישן לעבן. דער מעסיקער מענדעלע, למשל, האָט אין דעם פּרט געהאַלטן מיט די ניהיליסטן. און ער אַליין, בידוע, איז אַרויס־געטראָטן קעגן די עלטערע שריַיבער און זייערע פּוסטע מליצות.

די עלטערע שריַיבער האָבן זיך אָפט באַנוצט מיט תנ"כישע טע־מעס פון ייִדישן עבר, און זיי בלויז צוגעפּאַסט צום ענין וואָס דער שריַי־

בער האָט געהאַט בדעה צו באַרירן. עס איז אויסגעקומען, — די שרײַבער האָבן ניט געפילט וואָס זיי שרײַבן, זיי האָבן צוגעטראַכט אַ געדאַנק און אים באַאַרבעט מיט אַ משל.

אין זײַן בראשור קעגן גאָטלאָבערן, אינעם „דורש אל המתים", שרײַבט טאַקע לערנער אויספירלעך וועגן דער דאָזיקער פוסטער מליצה, וועגן דעם דאָזיקן בטלנישן ראָמאַנטיזם. ער באַטאָנט, „אַז דער לעבנ־גײַסט, וואָס די יונגע פּאָדערן פון אונדזערע שרײַבער, איז גאָר אַן אַנ־דערער ווי יענער שלעכטער גײַסט (רוח רעה), וואָס שרעקט אַזוי דיך און דײַנס גלײַכן, די גרויסע מענטשן: דער דאָזיקער גײַסט פּאָדערט פון אונדז, אַז מיר זאָלן שרײַבן, וואָס מיר פילן."

אָבער אחוץ פילן מוז אַלץ זײַן געבויט ניט גלאַט אויף אײַנפאַלן, המ־צאות, נאָר אויף באַווײַזן. „און וואָס עס גייט אַרויס פון אונדזער האַנט — שרײַבט לערנער ווײַטער — זאָל זײַן געבויט אויף גרינטלעכע באַ־ווײַזן, אַז ווייניקסטנס מיר אַליין זאָלן זיך ניט ספקן אין זייער אמתדי־קייט". לערנער פּאָדערט אַרויס גאָטלאָבערן צו ווײַזן ווו איז דער ציל צו וועלכע די העברעישע שרײַבער, זײַנע צײַט־חברים, האָבן געשטרעבט. ער פאַרטיידיקט די יונגע דערמיט, וואָס יענע „ריידן ניט, וואָס פאַלט זיי אַרײַן אין מויל, ווי דאָס טוען די אַלטע מיט זייערע פאַרשטיינערטע הערצער, נאָר זיי ברענגען פאַר אונדז אַרויס נײַע געדאַנקען און אויך אַלטע, וואָס זײַנען אויפגעוויזן מיט ראיות...."

אין זײַן „צער בעלי חיים", געשריבן קעגן קאָוונערן רעכנט גאָט־לאָבער אויס דרײַ חטאים פון די „יונגע". די דאָזיקע דרײַ חטאים אַנאַ־ליזירט לערנער אויספירלעך אין זײַן „דורש אל המתים". דאָס זײַנען: דער ביטול צו אויטאָריטעטן, דאָס נעגירן די שיינע וויסנשאַפט (אונ־טער שיינע וויסנשאַפט מיינט לערנער — קונסט, — נ. ב. מ.) און דאָס צעשטערן די הייליקייט פון זווג (הנשואין). דער לעצטער פונקט איז געווען אין די 60ער יאָרן צווישן די וויכטיקסטע פראַגעס אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פרויס שטרעבן צו זײַן פרײַ, גלײַכבאַרעכטיקט מיטן מאַן. זייער לעבן דאַרף זײַן גע־בויט אויף „שכל און געפירט פונעם געפיל פון ליבע". מיר זייַנען דאָ

אָבער פאַראינטערעסירט מיט לערנערס אויספירן וואָס שייך די ערשטע צוויי פונקטן.

מכוח דעם ערשטן „חטא", ווײַזט־אויף לערנער גאָטלאָבערן: פאַר־קערט, — די יוגנט באַציט זיך מיט גרויס כבוד צו אויטאָריטעטן. נאָכ־מער — „די יוגנט שאַפט זיך גאַנץ לײַכט אויטאָריטעטן... און דאָס איז דערפאַר, ווײַל די יוגנט האָט זיך אויסדערוויילט בלויז איין אוי־טאָריטעט — דעם שׂכל און זײַנע באַגלויבסטע ארגומענטן, בעת די אַל־טע שאַפן זיך אויטאָריטעטן אָן א צאָל".

„אויף אַזאַ אופן" — טענהט לערנער — „קען אַמאָל אַ יונגערמאַן אָן אַ נאָמען, וואָס איז נאָך ניט ארויס אין דער וועלט, ווערן אָנגענומען פאַר אַן אויטאָריטעט, אויב ער רעדט נאָר אמת און לאָזט הערן פון זיך ריכטיקע רייד (לאָגישע רייד), בעת בײַ די אַלטע פאַרשאַפט מען זיך אויטאָריטעט מיט בלערליי מיטלען, און ווער עס ווענדט אָן מער קונצשטיק און דריידלעך, דער קען דערגרייכן אַזאַ מדריגה. און דעריבער קאָן מען ניט באַ־שולדיקן די יוגנט אַז זי איז מבטל אויטאָריטעטן: אדרבא, זיי האָבן באמת ליב אַן אויטאָריטעט, און בײַ זיי קען זיך אים קיין זאַך ניט קעגנשטעלן, ווײַל דער געאַכפּערטער אויטאָריטעט שטויסט בײַ זיי אוועק זייער אייגענעם כבוד, און ווו דער אויטאָ־ריטעט ווערט פאַרשוועכט, גיבן זיי זיך אליין אויך ניט אָפּ קיין כבוד. פּרוביר אָקאָרשט רײדן מיט איינעם פון די יונגע און פרעג אָפּ מיט שׂכל און לאָגיק זײַן פּריוואַטע מיינונג. ער וועט דעמאָלט זיך ניט אָפּהאַלטן מודה זײַן זײַנע זינד. און ס'איז בײַ אונדז קיין שום ספק ניט, ווען דו קומסט מיטן נאָמען פון אמת צו דעם מחבר פון „חקר דבר" (קאָוונערן — נ. ב. מ.), דעם עזות פּנים פון הײַנטיקן דור, און וואָלסט מיט שטאַרקע ראיות און פעסטע באַווײַזן אָפּגעפרעגט זײַנע מיינונגען, וואָלט ער געווים אָן שום ספק מתקן געווען דאָס, וואָס ער האָט פאַרקרימט (לתקן עותתו) און וואָלט זיך ניט געשעמט מודה זײַן דעם אמת, ווײַל אַן אוי־טאָריטעט איז בײַ אים הייליק."

„דערפון איז געדרונגען, אז די יונגע זיינען מבטל בלויז די־
הייליקייט פון פרעמדע געטער, דאָס מיינט די אויטאָריטעטן,
וואָס האָבן זיך ביי איין געפּרובפּערט און געמערט ווי זאמד ביים
ברעג ים, — דאָס זיינען די לייט, וואָס מיט זייער כיטרע־
קייט (ערמה), נעמען זיי זיך און צוליב אומוויסנקייט גיט מען
זיי בכבודיקע נעמען; בכלל אָבער האָבן זיי מורא פאַר אויטאָרי־
טעטן און היטן זיי."

מכוח נעגירן די שיינע וויסנשאַפט, דאָס מיינט די קונסט — וועגן
דעם שרייבט לערנער, אַז די יוגנט לייקנט זי ניט. זי באַציט זיך
בלויז קריטיש צו איר ווערט „אין דער היינטיקער צייט", בעת די
גאַנצע מענטשהייט ליידט:

„אויף דיין צווייטע טענה — וועגן נעגירן די קונסט און שיי־
נע וויסנשאַפטן — האָט קיין גרונט ניט, ווייל די יונגע —
האַלטנדיק טייער די ראיות פון שכל, וואָס באַזירן זיך אויף די
נאַטור־געזעצן, זיינען דעריבער מחויב זיך צו באַציען מיט אַכ־
טונג צו דער נאַטור, וואָס איז, ווי באַוווּסט, פול מיט פּאָעזיע,
און דעריבער איז ניט מעגלעך זיי זאָלן ניט געפינען קיין גע־
נוס אין פּאָעזיע גופא, וואָס איז איינע פון די שיינע וויסנ־
שאַפטן, וואָס פאַרשאַפן דער נשמה פרייד און תענוג. ס'איז דע־
ריבער אַ חרפה צו זאָגן, אַז אַזעלכע מענטשן, וואָס אַכטן די נאַ־
טור זאָלן ניט טייער האַלטן די פּאָעזיע, בעת די נאַטור דער־
שיינט פאַר אונדז ווי וווּנדערלעכע הויכע פּאָעזיע, וואָס איז ני־
טאָ איר גלייכן. בלויז אויסגעצייכנטע קינסטלער געלינגט אַמאָל
אויסצוקריצן די שיינע דערהויבענע געשטאַלטן פון דער נאַטור.
אין דער אמתן גרינגשעצן ניט (לא יתנו דפי) די יונגע אפילו איין
צווייג פון די דאָזיקע וויסנשאַפטן. זיי נעגירן אָבער זייער
ווערט אין דער היינטיקער צייט, וואָס פאָדערט פון אונדז,
אַז מיר זאָלן אַרבעטן אויפן פעלד פון יענע וויסנשאַפטן, וואָס
זיינען צום מערסטנס נייטיק פאַר אונדזער לעבן און בילדונג.
און עס זיינען טאַקע גאַנץ גערעכט די יונגע, וואָס האָבן באמת

ליב די מענטשהייט און זאָרגן פאַר איר פרידן און תיקון, — ווען זיי ווייזן אויף, אַז די שיינע וויסנשאַפטן זיינען אַ לוקסוס אין דער הייַנטיקער צייַט, ווייל בעת דאָס פאָלק איז הונגעריק נאָך ב ר ו י ט, דאַרף מען אים ניט געבן קיין לביבות, וואָס ניט נאָר וועלן זיי ניט שטילן דערמיט זייער הונגער, נאָר דאָס קאָן גאָר ווערן פאַר זיי סם.״

די דאָזיקע לעצטע באַהויפּטונג לערנערס קען מען זייער גרינג טייַטשן ווי מען וויל. אויף אונדזער איצטיקער שפּראַך מיינט עס: ער נעגירט דעם עסטעטיציזם, אָבער ניט די נייטיקייט פון עסטעטיק. ער לייקנט די לוקסוס־קונסט, וואָס פאַרשאַפט בלויז תענוגים, אָבער ניט יענע קונסטווערק, וואָס ברענגען נוצן, ווייל זיי זיינען כלי־שלימות. ער זאָגט דאָ קלאָר: די שיינע וויסנשאַפט (די קונסט) האָט ניט קיין ווערט בעת דאָס פאָלק איז הונגעריק. — וויכטיק איז אָבער יענע קונסט, וואָס באַווירקט דאָס פאָלק, עפנט אים די אויגן. אין זייַנע אַנדערע קריטישע ווערק פאַרלייקנט ער ניט, אַפילו מיט איין פראַזע ניט, ניט נאָר די קונסט, נאָר אויך דעם ווערט פון קונסט אין אַ געגעבענעם מאָמענט. ניצלעכקייט און עסטעטיק גייען בייַ אים האַנט אין האַנט. און די עסטעטיק מוז אַרויסשטראָמען און זייַן איינס מיט דער ניצלעכקייט, וואָס דאָס איז — לויט לערנערן — דער ציל פון קונסט. אַחוץ דעם — פון פּובליציסטישן שטאַנדפּונקט, קען מען האַלטן, אַז אין אַ געוויסן געשיכטלעכן מאָמענט, דאַרף מען ניט האָבן קיין קונסט, אַפילו ווען מען אָנערקענט זי. אָבער אין דער רגע, ווען מען טרעט אַרייַן אין די גרענעצן פון אַ ווערק און מען וויל עס אַנאַליזירן, מוז מען דעמאָלט אָפּוואַרפן דעם דערמאָנטן שטאַנדפּונקט. מע קען ניט אין איין און דערזעלביקער צייַט אי פאַרלייקענען, אָפּרוקן אָן אַ זייַט אַ קונסטווערק, ניט צורירן זיך צו אים, און דאָך עס אַנאַליזירן. אין זייַנע ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען טרעט דער פּובליקום אָפּ דעם וועג דעם קריטיקער.

זייַן גאַנצע קריטיק, רוט אויף דעם גלויבן, אַז דער ציל פון קונסט איז צו ברענגען נוצן דעם פאָלק. איז ווי אַזוי דערגרייכט מען דאָס? ווען מע קוקט זיך צו צו לערנערס אופן אַנאַליזירן ווערק, זעט מען, אַז

ער האָט דאָס שרײַבן פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכע אחריות. דעריבער מוז דער שרײַבער זײַן אויסערגעוויינלעך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַן וואָרט, ער מוז זײַן אויסערגעוויינלעך פּינקטלעך אין באַשרײַבן די ווירקלעכקייט. ער מוז זײַן פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלקס לעבן, שרײַבן וועגן דעם, עפֿענען דעם פֿאָלק אַלע פֿאַרריגלטע טויערן און אים אַרויספֿירן צו אַ ליכטיקער צוקונפֿט.

לערנער האָט געהאַלטן, אַז אַקסענפֿעלדס ווערק זײַנען די ערשטע און די איינציקע, וואָס האָבן געעפֿנט אַ נײַעם וועג. אַקסענפֿעלדס ווערק, האָט ער געהאַלטן, וועלן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל ווײַזן ווי אַזוי מע קען באַקעמפֿן די שעדלעכע ווירקונג פֿון די פֿאַלשע פּירערס, וואָס האַלטן דאָס פֿאָלק אין פֿינצטערניש. ער שטעלט אַרויס אַקסענפֿעלדן ווי אַ מוסטער. ער ווײַזט אָן וואָס אַזאַ קינסטלער דאַרף פֿאַרמאָגן, כּדי צו קענען באַווירקן דאָס פֿאָלק. ער רעכנט אויס אַקסענפֿעלדס פֿיר אייגנשאַפֿטן, וואָס העלפֿן אים, אַקסענפֿעלדן, דערגרייכן יענע מאָס פּינקטלעכקייט, וואָס שאַפֿן אַ שלימותדיק ווערק פֿאָדערט:

„א) ער האָט אויסגעצייכנט באַהערשט אַלע דיאַלעקטן, וואָס עס נוצן אַלע פֿאָלקס־שיכטן. אַזוי אַז די טיפּישע פֿאַרשוינען וואָס ער שילדערט זײַנען אַזוי ענלעך און אמתדיק, אַז יעדער לייענער, מעג ער זײַן אַפֿילו דער פּראָסטסטער מענטש איז מסוגל זיי גלײַך דערקענען און דערזען זייערע אָפּגענאַרעריען אָדער זייערע מעשׂים טובֿים, זייערע גוטע און שלעכטע מידות.

„ב) במשך זײַן לאַנגיאָריק לעבן האָט ער באַוויזן פּינקטלעך דערלערנען דאָס פֿאָלקסלעבן אין אַלע זײַנע שאַטירונגען, ווי אויך די האַנדלונגען פֿון דער מאַסע, אירע גוטע און שלעכטע זײַטן.

„ג) ער האָט פֿאַרמאָגט דעם טאַלאַנט איבערצוגעבן אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט, אין די סאַמע אמתדיקע פֿאַרבן, אַזוי אַז זײַנע ווערק קענען אונדז געבן אַ פּינקטלעכן באַגריף, אין וואָס פֿאַר אַ מצב עס האָבן זיך געפֿונען די רוסישע ייִדן מיט פֿופֿציק יאָר צו־

ריק און צום טייל געפינען זיך נאָך איצט אין די קליינע שטעט אין פוילן און די מערבדיקע גובערניעס. בכלל קענען מיר זאָגן, אַז עס איז ניטאָ קיין איין זאַך, וואָס דער ה׳ אקסענפעלד זאָל ניט האָבן באַמערקט און וואָס זאָל זיך אים ניט איינגעבן דאָס צו שילדערן ווי עס דאַרף צו זיין, און אָנהייבנדיק פון אַ מאַרק־יידע־נע ביז אַ יידן אַן עושר, וואָס פאַרדרייסט די נאָז מחמת זיינע קאַ־פּיטאַלן, זיי אַלע פירט ער אַרויס אין דעם סאַמע נאַטירלעכסטן אויסזען.

„ד) מערקווירדיקער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אין אַלע זיינע ווערק ווערט קלאָר דער ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אומ־אָפּהענגיק פון דעם אַלגעמיינעם פאַרדינסט פון זיינע אַלע ווערק, וואָס שייך ציוויליזאַציע און נייע אידעען, פעלט ניט אין זיין יעדן ווערק די ספּעציעלע נוציקייט, און ציל״.

לערנער, ווי מיר זעען, באַטאָנט קלאָר: אקסענפעלד באַווייזט אונדז דאָס לעבן אין די אמתע׳ פאַרבן; ער דערקלערט דאָס לעבן; ער נעמט אַ שטעלונג צום לעבן; ער האָט אַ ציל. און זיין ציל איז — משפּטן דאָס לעבן.

„זייענדיק באַקאַנט״ — שרייבט לערנער — „מיט יענעם באַדייטנדיקן טייל פון אונדזערע גלויבנס־ברידער וואָס זיינען פון אייביק אָן פאַרזונקען אין עם־הארצות; קענענדיק גוט אויך די סיבות, וואָס נערן דעם פאָלקס פאַנאַטיזם און לאָזן ניט קיין איין שטראָל בילדונג דורכדרינגען אין דער דאָזיקער פינצטערניש, ווי למשל, די צדיקים און חסידים, וואָס מערן זיך פון טאָג צו טאָג, און ניט נאָר העצן זיי דאָס פאָלק זיך האַלטן אַלץ פעסטער פאַר די אור־אַלטע אָבערגלויבנס, נאָר זיי באַמיען זיך אויף אַלע אופנים אָפּ־נעמען ביי זיי יעדן רעכטן באַגריף; וויסנדיק דאָס אַלץ, איז ה׳ אקסענפעלד מוטיק אַרויסגעטראָטן קעגן די שונאים פון אויפ־קלערונג און אין אַלע זיינע ווערק קעמפט ער קעגן די דאָזיקע

פאָלקס-אונטערדריקער, וואָס זייגן זײַן בלוט און ברענגען אום זײַנע פעיקייטן און כוחות. פונקט אַזוי האָט ער געקעמפט קעגן דעם גלײַכגילט מצד דעם גרעסטן טייל ייִדן צו די שולן, געגרינדעטע צו דערציִען די ייִדישע יוגנט, און ער האָט זיך באַמיט זיי דערווײַזן ווי נייטיק עס איז אַ סיסטעמאַטישע בילדונג. ברענגענדיק דערבײַ אין טייל ווערק בײַשפּילן פון דעם ייִדישן לעבן אין אַנדערע לענדער אין מערב-אייראָפּע. מיט איין וואָרט, ער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין פּירונג, קיין איין שעדלעכן מנהג, קיין איין שוואַכע זײַט, און אַלץ האָט זיך אים אײַנגעגעבן צייכענען חידושדיק-ריכטיק, אַזוי, אַז אַפילו יענע, אין וועמען זײַנע ווערק צילן, קענען ניט לייקענען די ריכטיקייט פון זײַנע טיפּן". „אויף אַזאַ אופן זעען מיר ה' אַקסענפעלדן ווי אַזוי ער טרעט אַרוים אין זײַנע ווערק מיט אַן ערנסטן וואָרט און אַ בײַסיקער סאַטירע קעגן די שווינדלער, וואָס נוצן אוים אָבערגלויבן ווי אַ מיטל, אַזוי אויך קעגן דעם אָבערגלויבן גופא; דעריבער זײַנען אַלע זײַנע ווערק פול מיט נײַע אידעען און יעדע פון זיי האָט איר נוציקן ציל".

צו זײַן ניצלעך פאַרן פאָלק — דאָס איז פאַר לערנערן געווען אַן עטישע פּראָבלעם, בעסער געזאָגט, אַן עטיש-עסטעטישע פּראָבלעם. ער פאָדערט שלימות פון ווערק, ניט ווײַל אים איז וויכטיק די שיינקייט פאַר זיך אַליין. אַ ווערק, גלויבט ער, וואָס איז ניט קיין כּלי שלמה, קען גאָר ניט ווירקן. זי קען ניט איבעראַנדערשן אַ מענטשנס געפילן און באַגריפן. דעריבער פאָדערט ער אַ העכערע מדריגה קונסט, ווײַל דאָס איז דער איינציקער וועג צום לעזערס באַוווסטזײַן.

רעדנדיק וועגן די „יונגע" וואָרט-קינסטלער דערמאָנט ער זייערע נוצלעכע ווערק — אַ שטייגער י. ווײַנשטיינס „אַלט און נײַ", אַברהם גאָלדפאַדענס „דאָס ייִדעלע", לינעצקיס „פּוילישע ייִנגל". ער שרײַבט מאַקע: „אַזעלכע ענלעכע ווערק, וואָס זייער הויפּטציל איז צו פאַרבעסערן דעם ייִדנס מאָראַלישן מצב, אויסצוּוואָרצלען בײַ אים די אַלטע פאָראורטיילן און צוגרייטן זיי פאַר דאָס וואָס איז נײַ און ניצלעך, אַזעלכע

װערק פאַרשפּרייטן זיך שנעל אין פאָלק״. אָבער ער איז גלײַך מוסיף: „אַ דאַנק די צוציענדיקע פאָרמען, װאָס אין זיי באַקליידן די מחברים זייערע אידעעס, װערן (די דאָזיקע װערק) גערן געלייענט און זיי ברענגען אויסערגעװײנלעכן נוצן״.

אין דעם זעלביקן אַרטיקל („ביבליאָגראַפישע נײַעס״, „אָדעסקי װיעסטניק״ 1869, נומ. 24, ז. 82) רעדט לערנער װעגן דעם פאָלקס־פּאָעט, מיכל גאָרדאָנס „רוסישע געשיכטע״ אויף יידיש. זי האָט גע־זאָלט אין גיכן דערשײַנען, און איז טאַקע בקרוב אַרויס. שטעלט זיך אָפּ לערנער פריער װי אַלץ אויף דעם גרויסן נוצן, װאָס דאָס װערק װעט ברענגען. אָבער ער פאַרפעלט ניט גלײַך דערמאָנען זײַן שיינע פאָרם:

„ה׳ גאָרדאָנס װערק איז מערקווירדיק מחמת דעם ציל זײַנעם — באַקענען רוסישע יידן מיט דער געשיכטע פון יענער מלוכה, װאָס זיי האָבן איצט אַ רעכט זי האַלטן פאַר זייער פאָטערלאַנד, אַזוי אויך מיטן אופן שרײַבן, װאָס אין אים זעט מען דעם מח־ברס באַזונדערע אָנשטרענגונג — פאַרשפּרייטן צווישן יידן אַ סך ניצלעכע געדאַנקען. דורכלייענענדיק דעם ערשטן טייל פון דער דאָזיקער געשיכטע (פון ריוריקן ביז מיכאיל פעאָדאָראָוויטש ראָמאַנאָווס אַרויפשטײַגן אויפן טראָן), זײַנען מיר געװען אי־בערראַשט װי באַהאַוונט ער איז אין דעם ענין, װאָס ה׳ גאָרדאָן פאַרמאָגט משמעות; און נאָך מער האָט אונדז איבערראַשט די װוּנדערשיינע פאָרם, װאָס אין איר גיט ער איבער די געשיכטע דער מאַסע״.

און גלויבן אין די יידישע מאַסן האָט לערנער געהאַט. די מאַסן קען מען פאַרפירן, דאָס האָט ער געזען. אָבער ער איז אויך געװען אי־בערצײַגט: אין די הערצער פון פאָלק ליגט אַ געזונטער און נאַטירלע־כער חוש פאַר בעסערע און שענערע זאַכן אין לעבן.

אין זײַן איבערזעצונג פון גוצקאָװס „אוריאל אַקאָסטאַ״ שרײַבט ער אין דער הקדמה: „מײַן האָפענונג, אַז דאָס פּראָסטע פאָלק לאָזט זיך גאָר גרינג אָראָפּפירן פונעם װעג, אָבער דעם שכל האָט ער פאַרט

בײַ זיך, האָט מיך ניט אָפּגענאַרט". „מיט גרויס פרייד — שרײַבט ער ווײַטער — האָבן איך מיך איבערצײַגט, ווי פריינדלעך און וואַרעם עס זיינען אויפגענומען געוואָרן ערנסטע דראַמען, מיט וואָס פאַר אַ פאַר־גניגן מען פלעגט זיך צוהערן צו יעדן גערדאַנק, מיט וואָס פאַרא חשק מען פלעגט צעקײַען יעדעס וואָרט". (זע: דר. שאַצקיס איבערדרוק אין „הונדערט יאָר גאָלדפאַדען").

אין זײַן גאַנצער אַרבעט ווי אַ שרײַבער און ווי אַ טעאַטראַל — אַ באַדײַטנדיקער קאַפּיטל פאַר זיך — זעט מען בפירוש איינע פון די וויכ־טיקסטע טעמים, וואָס האָבן אים געטריבן צו רעאַליסטישער קריטיק, צום בעסערן טעאַטער. דאָס איז געווען זײַן אַבסאָלוטער גלויבן אין פאָלק. דאָס פאָלק „קען פאַרדייען פרישע מאכלים", הגם מען קען גרינג פאַרדאַרבן זײַן געשמאַק. פונקט אין יענער צײַט, ווען אין יידישן טע־אַטער האָבן געהערשט די „שמענדריקס" און די „קוני־לעמלס", ווען „אָן אַ בדחנישער תנועה איז פשוט שווער געוואָרן עמעצן אַרײַננאַרן אין טעאַטער", פונקט דעמאָלט האָט ער אויפגעפירט עטלעכע היסטאָרישע שטיק. „אין וועלכע „משוגעים" און „קאַליקעס" האָבן אָפּגעטרעטן זייער פלאַץ איידעלע גיבורים און אויפן אָרט פון פינצטערע מיאוסע סצע־נען האָט מען געקאָנט זען ליכטיקע און ערהאַבענע בילדער פון דער הייליקער פאַרגאַנגענהייט". און ער האָט באַשיינפערלעך געזען ווי אַזוי מע קען צוגעוווינען דאָס פאָלק צו העכערע זאַכן.

„אונדזער זשאַרגאָנישע ליטעראַטור" — שרײַבט ער — „איז אויך פאַרפלייצט מיט אַזוינע „פאַרזעענישן", ווי „שמענדריק", „קוני־לעמלם" און נאָך ערגערע קאַליקעס, איז דערפון צו דרינגען, אַז אונדזערע יידן פאַרדינען טאַקע נישט קיין לײַטישערע זאַכן צום לייענען? מוז מען לערנען אַ פשט, אַז אויף בעסערס איז גאָר צווישן זיי קיין מבין נישטאָ? איך רעכן, אַז ניין! די לעצטע באַוועגונג אין דער זשאַרגאָנישער ליטע־ראַטור באַווײַזט פונקט דעם היפוך און מע מוז מודה זײַן, אַז דער יידישער מאָגן קאָן פאַרדײַען אויך פרישע און ריינע מאכלים, אבי זיי זײַנען נאָר גוט געמאַכט: מע דאַרף דעם עולם געבן אַזעלכעס, וואָס קען אים אינ־טערעסירן, מע מוז מיט איםריידן ריין, קלאָר, ערנסט, פונעם האַרצן, אָן ווונקען, אָן קונצן, אָן חכמהלעך, אָן אייבער־סברות".

רעאַליסטישע קריטיק איז געווען לערנערס אני־מאמין. איז ביי אים געווען זייער וויכטיק — מען זאָלריידן „ריין, קלאָר, ערנסט און פונעם הארצן". מחמת דעם דאָזיקן טעם, האָט ער נישט געקענט אָננעמען מיטן גאַנצן הארצן דעם אומפאַרשטענדלעכן פאַרשפּאַרטן און פאַרשפּיצטן מענדעלען, און דעם דעמאָלט „לײַכטזיניקן" קליגלדיקן שלום־עליכמען. מע דאַרף ריידן צום פאָלק „אָן וונקען", „אָן אייבער־סברות". דאָס האָט ער געמיינט מענדעלען. און דאָס וואָרט „חכמהלעך" באַציט זיך אויף שלום־עליכמען, און דאָך האָט ער הויך געשעצט אונדזערע ביידע קלאַסיקער.

אין זײַן רעדע בײַם דערמאָנטן קערמישל לכבוד ספּעקטאָרן, אין לינעצקים הויז אין אָדעס, שטעלט ער אויך די פראַגע — דאָס אחריות פון שרײַבער צום פאָלק. איצט איז נאָך אויך נישט ליכטיק, דערציילט לערנער, און דער וועג צום פאָלק איז נאָך נישט אינגאַנצן פרײַ, אָן דערנער. דאָס דאַרף אָבער קיינעם נישט אָפּהאַלטן, הגם עס זײַנען פאַראַן זאַכן וואָס טוען שטאַרק וויי. און ער שטעלט אונטער אַ פּרעגצייכן מענדעלעס אחריות צום פאָלק:

„אָט זעען מיר ווי אַ גרויסער טאַלאַנטפולער שרײַבער, וואָס וואָלט געקענט פיל טאָן אין דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור, רעדט זיך אײַן, אַז ער האָט שוין זײַנס יוצא געווען, אַז ער מעג זיך שוין אָפּרוען אויף זײַנע לאָרבערן און אַז אַלע צײַט־פראַגן קערן זיך מיט אים גאָרנישט אָן, און ער נעמט זיך צו ק ר ו מ ע זאַכן און פאַדערט, אַז די וועלט זאָל קוועלן פון זײַנע אַלטע חכמות". נאָך שאַרפער, און אומגערעכט, באַפאַלט ער מענדעלען אינעם „קליינעם וועקער" (1889) אונטערן פּסעוודאָנים — צדוק פּרומעס.

לערנער האָט אויך געשעצט שלום־עליכמס טאַלאַנט. אָבער געפעלן איז אים שלום־עליכם נישט. שלום־עליכם, האָט זיך אים אויסגעוויזן באַציט זיך נישט ערנסט גענוג צו זײַן שרײַבן. ער לערנט נישט דאָס פאָלק. ער קוקט אויף ייִדיש „ווי אויף אַ מיטל צו באַווײַזן גלאַט קונצן, שרײַבן שיינע פראַזן אין דער וועלט אַרײַן".

לערנער האָט עס טאַקע געזאָגט אין זײַן רעדע בײַם קערמישל. „דאָס אייגענע זעען מיר אויך פון אַ יינגערן שרײַבער, וואָס זײַן טאַלאַנט איז אויך נישט קליין און וואָס וואָלט געקענט שטאַרק אַרבעטן, ווען ער זאָל

בישט קוקן אויף זשארגאָן עפּעס ווי אויף אַ מיטל צו באַווײַזן גלאַט קונצן, שרײַבן שיינע פראַזן אין דער וועלט אַרײַן... פּונקט ווי דאָס ג ע־ ר אָ ט ן י ונ ג ל וואָס באַווײַזט זײַנע גבורות אין ציקן, אָדער ווי דאָס ר ײַ כ ע א יי ד ע מ ל מיט אַ פּ ע ט ע ר י ר ו ש ה, וואָס זײַן בריהשאַפט באַשטייט אין מאַכן אַ רעדל שבועות אין שול...״

און דעם דאָזיקן געדאַנק פאַרענדיקט ער מיט אָט־די ווערטער: „עס איז באמת זייער טרויעריק וואָס אין אַזאַ צײַט, ווען אונדזער געמיינער עולם גייט אויס נאָך עפּעס אַ רעכט וואָרט, ווען דער הייליקסטער חוב פון אונדזערע מחברים איז — זיך באַנוצן מיט אַזאַ שעת־הכושר און אַרײַנלייגן אין יעדער שורה אַ באַזונדערע כוונה, געפינען זיך מענטשן, וואָס שרײַבן אָדער פּוסטע מעשות, אָדער איבערגעשפּיצטע חכמות, וואָס מע מוז אויף זיי לערנען פּירושים און פאַרשטײַטשן ווי אַ מלמד מיט אַ גראָבן פינגער...״

ווען לערנער האָט געשריבן אַ נעגאַטיווע קריטיק וועגן שלום־עליכםס ראָמאַן „ר׳ סענדער בלאַנק״, האָט ער עס געטאָן דערפאַר, ווײַל שלום־עליכם האָט מיט דעם ראָמאַן פאַרפעלט צו זײַן נוצלעך דעם פאָלק, אָדער ווי לערנער דריקט זיך אויס, „ר׳ סענדער בלאַנק, איז טאַקע נישט אַנ־דערש ווי אַ ראָמאַן אָ ן ל י ב ע, נאָר אָן ליבע צו אונדזער אָרעם פאָלק, וואָס מע מוז עס אויפהערן שטאָפּן מיט מעשות וואָס קריכן פון האַלדז, אָן ליבע צו אונדזער זשאַרגאָן, וואָס מע מוז אים מחזק זײַן מיט ריכטיקע לעבנס־בילדער און נישט מיט סיפּורים פון לייעמענע גולמס און לעבעדיקע מתים״.

און דאָס איז געווען לערנערס טענה, — שלום־עליכם האָט מיט זײַן „ר׳ סענדער בלאַנק״ גאָרנישט אויפגעטאָן פאַרן פאָלק. און ער האָט נישט אויפגעטאָן פאַרן פאָלק, ווײַל אים האָט זיך נישט אײַנגעגעבן שאַפן אַ כלי שלמה. מיינען מיינט עס — שלום־עליכם איז דורכגעפאַלן אין דער עסטעטיק, וואָס אַ רעאַליסטיש ווערק פאָדערט כדי עס זאָל זײַן שלימותדיק.

לערנער באַשולדיקט שלום־עליכמען אין לײַכטזין. ער האָט געזען מיט וואָס פאַר אַן ערנסט און צוגרייטונג אַקסענפעלד האָט זיך פאַרהאַלטן צו זײַן שרײַבן. און ער האָט נישט געקענט באַנעמען ווי אַזוי מע מאַכט

אַ ראָמאַן פון איין עפּיזאָד אין ר׳ סענדער בלאַנקס לעבן, — האַלטן בײַם שטאַרבן מחמת זיך איבערגעגעסן מיט פיש, די בני־בית קלײַבן זיך אים צו ירשנען און ער ווערט פּלוצים געזונט. דאָס איז אַן עפּיזאָד, טענהט לערנער, געגנוג פאַר אַ „קלײנער סצענע צום לאַכן, אַ וואָדעוויל אין טעאַטער פאַרן עולם, וואָס בלײַבט זיצן שפּעט, אָבער נישט פאַר קיין ראָמאַן, וואָס דאַרף דעם ייִדישן לייענער געבן אַ ב אַ ג ר י ף פון אונ־דזער פאָלקס־לעבן, וועלכן אין זײַן ברוסט פאַרשלאָסענע געפילן, באַלעבן אין זײַן קאָפּ ג ע ד אַ נ ק ע ן, ער זאָל קאָנען פ אַ ר ש ט י י ן, וואָס איז ג ו ט אָדער ש ל ע כ ט. ער זאָל זיך געוווינען דענקען און איבערלייגן וועלכעם דאַרף בלײַבן נאָענט זײַן האַרץ און וועלכעם פאַר־דינט זײַן האַס אָדער באַדויערן".

לערנערן אַרט נישט סוף־כל־סוף, וואָס שלום־עליכם, בײַ וועמען עס „שפּילט אַ גרעסערע ראָלע אַ לצנות, אַ גלײַך ווערטל, ווי אַן ערנסטער געדאַנק", האָט אויף דער דאָזיקער גאַנצער עפּיזאָד־אינטריגע אָוועקגע־פּטרט 104 זײַטן. דאָס וואָלט ער נאָך ווי־עס־איז מוחל געווען דעם ראָ־מאַניסט, פון וועמען ער האַלט זייער און שעצט אים „ווי איינעם פון אונדזערע בעסטע זשאַרגאָן־שרײַבער". אַ חוץ דער המצאה מיט סענדער בלאַנקס געזונט־ווערן — „אָט איז ער בײַ אים אין געפּאַר און אָט איז ער שוין געזונט ווי אַ ריז" — האָט ער געוואָלט זען שילדערונגען. דער לייענער דאַרף דאָך דערזען — ווער איז ער דער ר׳ סענדער בלאַנק, פון וואַנען נעמט ער זיך, ווי אַזוי ווערט מען אַ סענדער בלאַנק. לערנער וואָלט אים אַלץ מוחל געווען, ווען „דער לייענער (וואָלט) געקענט פאַר־שטיין מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, צי איז דער סענדער אַ איש מכובד, וואָס ער דאַרף מיט אים שטאָלצירן, אָדער ער איז אַן אויסוואורף, ווי אַלע געלטזעקלעך אין אונדזערע ייִדישע שטעט, און דאַרף זײַן נאָ־מען מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט". און פאַרוואָס, טענהט לערנער, זאָלן מיר טאַקע נישט זען „ווי אַזוי ער איז מגדל זײַנע קינדער" און צי איז זײַן „פילגעשעצטע פאַמיליע" באמת אַ מין „עפּעלע", וואָס פאַלט נישט ווײַט פונעם „ביימעלע".

וואָס שלום־עליכם זאָגט, איז אים נישט גענוג: „ער (ר׳ ס ע נ־ ד ע ר) ה אָ ט אָ נ ג ע ה ו י ב ן ב אַ ק ו מ ע ן ג ע ל ט און איז

געוואָרן פון אַ חלפן אַ וואָכערניק, פון אַ וואָכערניק אַ פּעלהענדלער, פון אַ פּעלהענדלער אַ גראַבאַרשטשיק, פון אַ גראַבאַרשטשיק אַ צעלניקער, פון אַ צעלניקער אַ קאָמיסיאָנער, פון אַ קאָמיסיאָנער אַליין אַ סוחר, אַ צוקערהענדלער, אַ גרויסער סוחר, אַ רײַכער סוחר". „דער מחבר, שרײַבט לערנער, האָט דווקא נישט געזשאַלעוועט קיין פּרימיטעס (סימנים — ג. ב. מ.) אויף דעם פּאַספּאָרט, וואָס ער האָט מיט אים אַרויסגעלאָזט זײַן העלד אויף דער וועלט, נאָר ער זאָל געווען אויסרעכענען אַפילו נאָך דרײַ צענדליק פּרנסות, וואָלט אויך שווער געווען צו דערקענען ר' סענדערן". וואָרן שלום־עליכם האָט פאַרגעסן איין קלייניקייט — צו באַווײַזן וו י אַ ז ו י אָט־דער געמיינער, אָרעמער חלפן איז געוואָרן אַן עושר, „און אַ פאָרשטייער פון אַ גאַנצער גבירישער, פולגעשעצטער פאַמיליע".

דער „פון וואַנען", „פאַרוואָס" און „ווי אַזוי" — מיט איין וואָרט, די מאָטיווירונג — דאָס, טענהט לערנער, פעלט דעם פּאַרפּאַסער. אמת דער פּאַרפּאַסער פאַרענטפערט זיך : עס וואָלט נישט געשאַט זיך צו דערוויסן עפּעס וועגן דעם העלדס פאַרגאַנגענהייט, נאָר ער קען עס דעם לייענער נישט אונטערטראָגן, מחמת ער אַליין ווייס עס נישט. איז דאָס אפשר אַ פײַנער אײַנפאַל, אָבער דאָס שאַפט נישט די מאָטיווירונגען אין דעם ראָמאַן. אָן זיי ווערט אַלץ משונהדיק מאָדנע און נישט לעבעדיק, נישט אמתדיק. און שלום־עליכמס הלצה — ער קען דאָך נישט קענען די גאַנצע וועלט, רופט בײַ לערנערן אַרויס טויט־ערנסטע טענות : אַ שרײַבער מעג טאַקע נישט קענען די גאַנצע וועלט, און דאַרף עס טאַקע נישט, אָבער ער מוז קענען די מענטשן, וואָס ער באַשרײַבט.

און לערנער ווײַזט אָן אויף אַ שטריך אין שלום־עליכמען, וואָס שפּעטער האָט עס ש. ניגער נאָך קלאָרער אַנאַליזירט. דאָס איז דער שמ"ר־שטריך אין שלום־עליכמען. לערנער שטעלט זיך דאָ אײַן פאַר אַן עסטעטישן פּרינציפּ. מע טאָר „נישט זאָגן, אַז עס מאַכט נישט אויס, וועמען זײַן זיידע איז געווען, צי אַ מלמד צי אַ מעקלער. ניין, אין די זאַכן איז דאָ אַ ג ר ו י ס ע ר אונטערשייד, און אַ מלמד מיט אַ מעקלער ק אָ נ ע ן נישט האָבן אַ ל ץ אַ יי נ ע אייניקלעך. אויב מע זאָגט דעם היפּוך, מעג שוין אויסקומען אַלץ רעכט, אין אַ בבא־מעשה, אַז אַ בת־מלכה קען

פּאַרוואָרפֿן ווערן אין אַ פֿויגל, אָדער ווי אין שמ״רס ראָמאַנען, אַז פֿון אַ פֿינסקער ייִדל, וואָס מע פֿאַרשיקט אים קיין סיביר פֿאַר פֿאַלשע אַסיגנאַציעס זאָל גאָר פּלוצלינג ווערן אַ דענישער קאָנסול״. און אויף אָט־דעם „פּלוצלינג״, אויף דעם ווײַזט ער אָן, און נישט אויף איין פֿאַל בלויז. „באַטראַכט נאָר ווי פֿרעמד אונדז קומט פֿאַר ר׳ סענדער בלאַנק, ווי ער האָט גאָר קיין פּנים נישט פֿון אַ מחותּן אין ה׳ שלום־עליכמס חתונה. ווי עס ווײַזט אויס אַז ער האָט זיך פֿון ערגעץ אויסגעריסן און גאָר פּלוצלינג אַרײַנגעשפּרונגען אין קאָן, כאָטש קיינער ווייס נישט וואָס ער קער זיך אָן מיט די בעלי־שמחות. עפּעס האָט זיך גלאַט אַנידערגעשטעלט פֿאַר אונדזערע אויגן אַ ווילד פֿרעמדער ייִד און דער מחבר ווײַזט אונדז אָן, אַז דאָס איז ר׳ סענדער בלאַנק״.

שלום־עליכם הייסט זיך אַפֿילו צוקוקן נעענטער צו ר׳ סענדערן — „אפֿשר איז ער אײַך קענטלעך אַזוי ווי מיר?״ ענטפֿערט אים לערנער — דאָס צוקוקן־זיך העלפֿט דאָ נישט. „וואָס מער מע קוקט זיך אײַן, זעט מען ווייניקער, עס פֿינטלט אין די אויגן, און פֿון ר׳ סענדערס גאַנצע פֿיגור סטאַרטשעט אַרויס דער גראָבער בויך אָנגעשטאָפּט מיט געפֿילטע פֿיש״. און אויף דער פֿראַגע צי מיר קענען ר׳ סענדערן, ענטפֿערט לערנער: מיר קענען אים אויסגעצייכנט, ער ליגט אונדז טיף אין די ביינער. אָבער דאָס איז — א ו נ ד ז ע ר ר׳ ס ע נ ד ע ר, נישט שלום־עליכמס. שלום־עליכמס ר׳ סענדער דערקענען מיר נישט, ער איז אַ גולם, „אַ לעבעדיקער מת״. און די גאַנצע „פּילגעשעצטע פֿאַמיליע״ מיט סענדערן צוזאַמען רופֿט טאַקע לערנער אָן „לעבעדיקע מתים״.

שלום־עליכמען גופֿא, האַלט לערנער, איז ר׳ סענדער נישט קענטלעך. אָט זײַנען לערנערס רייד:

„איבעריקנס ווײַזט מיר אויס, אַז דעם מחבר אַליין איז זײַן ר׳ סענדער אויך גאָר ווייניק קענטלעך. דאָס זעט מען אַרויס דערפֿון, וואָס ער האַלט זײַן ר׳ סענדערן פֿאַר אַזאַ מין משונה באַשעפֿעניש, פֿאַר אַ פּאַרזעעניש, וואָס ער רופֿט עס אָן „קיט קיטיטש״ אויף דעם ייִדישן שניט, אויף דעם ייִדישן פֿאַסאָן. איך ווייס נישט

צי איז ה׳ שלום-עליכם וויניק באקאנט מיט דעם טיפ פון „קיט קיטיטש״, וואס דער בארימטער רוסישער שריפטשטעלער, אסטראווסקי, האט אזוי קינסטלעך אויסגעארבעט אין זיינע דראמאטישע ווערקע. נאר אויב יא, מוז איך אפן זאגן, אז ער האט זיך דערמיט שטארק פארזינדיקט, ווייל באשאפן יידישע „קיט קיטיטשעס״, הייסט אזוי פיל ווי באליידיקן דאס יידישע פאמיליע-לעבן, א רכילות זאגן אויף דער יידישער הייליקייט, וואס אפילו די גרעסטע שונאים זיינען אונדז מקנא דערויף. „קיט קיטיטש״ הייסט אזא כאראקטער וואס מען באגעגנט ביי א גראבן קופיעץ, וועלכער האט אין גאנצן די דעה און דאס ווייב מיט די קינדער באטראכט ער ווי שקלאפן, מען ציטערט פאר אים אימת-מות, און ווער שמועסט אז ער כאפט אן איבעריקע כוסה, טאר מען זיך פשוט נישט ווייזן פאר זיינע אויגן. דאס ווערט אנגערופן א „סאמאדור״ א מענטש, וואס וויל אז די גאנצע וועלט זאל פאר אים אנבייגן דעם קאפ און יעדער זאל נאר טאן זיין רצון. אין דער דראמע פון אסטראווסקי, „גראזא״ קומט פאר אזא מין כאראקטער: א ברייטער בעל הבית וואס הייסט מיט זיין נאמען „דיקאי״ און וואס פייניקט אזוי די גאנצע שטוב, אז ווען ער גייט ערגעץ אוועק שיקט מען אונטער בעטן מע זאל אים אביסל לענגער פארהאלטן און דערווייל מאכט מען די קליינע צייט פאר א׳ יום טוב. אין דער קאמעדיע „זשעניטבא בעלוגינא״ פון סאלאוויאוו געפינען מיר אויך אזא מין בריאה, וואס דאס ווייב פרעגט זיך ביי אים אן צי מעג זי וויינען אפילו. אזעלכע סאמאדורן קאן מען זען נאר דארט, ווו פון אייביק פלעגן די מענער באטראכטן זייערע פרויען ווי זייער אייגנטום וואס מעגן טאן דערמיט וואס זיי ווילן און ווו נאר מען האט גאר נישט לאנג געהאלטן די בתולות פארשלאסן בחדרי חדרים, אין הויכע טורמעס מיט אייזערנע גראטעס. נו דארף מען נאך, פרעגט זיך, באווייזן אז דאס יידישע לעבן איז פרעמד פון אזעלכע דערשיינונגען? ווער עס קען דאס יידישע פאמיליע-לעבן און ווייסט וועלכע פרייהייט און צערטלעכקייט די יידישע פרויען און קינדער געניסן ביי זייערע מענער און פאטערס, דער

מוז מודה זײַן, אַז קיין ייִדישע „קיט קיטיטשעס" האָבן מיר נישט. אָט נעמט טאַקע דאָס אייגענע „בריוול" (זײַט 53) וואָס ר' סענדער בלאַנק שרײַבט זײַן טאָכטער, ווען איר מאָן דאַרף אָפּנעמען אַ גרויסע ירושה, וועט איר אַרויסזען אַז נאָך אַלע זאַכן איז ער אַ צערטלעכער פאָטער און איז נישט קיין דעספּאָט. אמת, ער איז אַ גרויסער כלב, אַ קאַרגער, ער וואָלט זיך געלאָזט שטעכן פאַר אַ גראָשן, אָבער גלאָט אַן עכברוש, וואָס מען זאָל מורא האָבן פאַרזײַן דוך, דאָס איז ער נישט און קיין „קיש קיטיטש" אוודאי נישט. ווי־זשע קומט עס, וועט איר מיך פרעגן, וואָס ה' שלום־עליכם איז אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ גראָבן טעות? דערויף וועל איך ענטפערן, אַז אויף קיין מעשה פרעגט מען קיין קשיות נישט, און אַז מע האָט צו טאָן מיט אַ גולם, מעג מען אויף אים אַרויפשלעפן אי ר' סענדער בלאַנקס זשופּיצע, אי קיט קיטיטשעס פּאָדיאָווקע".

אויך בײַ אַ צווייטער געלעגנהייט באַטאָנט ער דעם שמ"ריזם אין שלום־עליכמען. ער באַווײַזט, למשל, ווי אַזוי עס געשעען זאַכן מיט ר' סענדערס זון, אָן שום סיבה, אָן שום מאָטיווירונג. „אויב דורך אַזאַ סיבה („בעסער זיך אויך שיפן אויף אַ לאָדקע און זינגען אַ לידל אַנטקעגן דער זילבערנער לבנה") האָט געקאָנט פון מאַרקוסן (ר' סענדערס זון — נ.ב.מ.) ווערן אַ סטודענט, פּאַרוואָס־זשע זאָל אונדז קשה זײַן, ווען אין שמ"רס „ראָמאַנען מ י ט ליבע" ווערט פון אַ באַהעלפער אַ שני למלכות"?

די אַלע פּאַרשוינען אין דעם ראָמאָן אָן ליבע „ר' סענדער בלאַנק און זײַן פילגעשעצטע פאַמיליע" לעבן נישט, זײַנען גולמס. דאָס איז געווען לערנערס מיינונג. נעמט זיך עס דערפון — האָט לערנער געגלויבט — וואָס שלום־עליכמען האָט זייער ווייניק אינטערעסירט עסטעטיק. מײַנען מיינט עס: שלום־עליכם האָט נישט געטראַכט, „ווי פלעכאַנאָוו וואָלט זיך אויסגעדריקט, אין טערמינען פון „אַן אָביעקטיווער מאָס"; „וואָס מער די אויספירונג שטימט מיט דער כוונה, אָדער כדי באַנוצן אַ מער אַלגעמיינעם אויסדרוק, וואָס מער די פאָרם פון קינסטלערישן ווערק שטימט מיט זײַן אידעע אַלץ מער איז עס געלונגען".

און דאָס האָט געפאָדערט לערנער: — שלימות, פּערפעקטקייט. נישט

מחמת עסטעטיזירונג, נישט מחמת ריינער קונסט, וואָס אים איז דאָס געווען דערווידער. ער האָט עס געפאָדערט צוליב דער פולער האַרמאָניע צווישן פאָרם און אידעע. איינס קען נישט לעבן אָן דעם צווייטן. אין לעצטן סך־הכּל, איז דאָס ערשטע דאָס זעלבע וואָס דאָס צווייטע, ווײַל זיי זײַנען איינס. אויב איין עלעמענט פעלט דאָ — איז די זאַך נישט שלימותדיק, זי איז טויט.

ווי מיר ווייסן, איז לערנער געווען אַ ניהיליסט. אַ סך ניהיליסטן האָבן גאָר אינגאַנצן געלייקנט קריטיק. לערנער, פאַרקערט, האָט נישט נאָר נישט געלייקנט קריטיק, נאָר ער האָט געהאַט אַ גאַנצע סיסטעם. זי האָט נישט געשטימט מיט די טעאָריעס פון זײַנע חברים־לדעה. און זײַן סיסטעם האָט אַרײַנגענומען „קונסט", טאַקע ווי אַ נוציקע זאַך, ווי אַ נויט־זאַך פאַר די מאַסן. דורך דעם וועט מען זיי קענען בילדלעך באַווײַזן דעם לעבעדיקן מעכאַניזם פון זייער אייגן לעבן, און זיי וועקן, פירן און אַרויספירן צו דער שײַן פון ליכטיקן טאָג.

דאָס, וואָס ער האָט געפאָדערט פון שלום־עליכמס „ר' סענדער בלאַנק" אין יאָר 1888, האָט ער מיט אַ וואָסערע צוואַנציק יאָר פריער געפאָדערט פון אַקסענפעלדן. אָבער בײַ אַקסענפעלדן האָט ער געפונען די האַרמאָניע צווישן פאָרם און אידעע. לערנער האָט עס אויך טעאָרעטיש דערקלערט.

לערנער אַליין שטעלט די פראַגע אין טערמינען פון קונסט. דאַרף מען באַטראַכטן אַקסענפעלדס ווערק ווי מע באַטראַכט „פשוטע פאָלקס־דערציילונגען"? און דאַרף מען זיי אויסטיילן צווישן די „פשוטע פאָלקס־דערציילונגען" בלויז דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען ניצלעך? צי דערפאַר, ווײַל זיי האָבן אַ קינסטלערישן ווערט? לערנער שעצט הויך אַקסענפעלדס ווערק, ווײַל זיי זײַנען ניצלעך. און זיי זײַנען ניצלעך, ווײַל זיי זײַנען קינסטלעריש.

אין הסכּם מיטן גײַסט פון מיטן 19טן יאָרהונדערט האַלט לערנער פּונקט ווי אַלע, אַז די פונקציע פון קונסט באַשטייט אין דעם, וואָס דער קינסטלער דאַרף זיך לערנען פון דער נאַטור און רעאַליסטיש און עכט קאָפּירן די נאַטור. ווי נאָר ער נעמט אָן דעם דאָזיקן אַריסטאָטעלישן פּרינציפּ, גייט ער אַ טראָט ווײַטער: ער שאַפט אָן אונטערשייד צווישן

א קינסטלער און אַן אמתן קינסטלער. „אַ קינסט־לער" — לייענען מיר אין זײַן אקסענפעלד־אַנאַליז — „איז דער, וואָס קען פּינקטלעך נאָכמאַכן די נאַטור און אַן אמתער קינסטלער קענען מיר אָנרופן נאָר יענעם, וועמעס ווערק צייכענען זיך אויס מיט נאַטירלעכער ענלעכקייט צו אַזאַ מדריגה, אַז צווישן זײַן קונסטווערק און דער שאַפונג פון דער נאַטור גופא זאָל נישט זײַן דער קלענסטער אונטערשייד, אַפילו פֿאַר דעם סאַמע דערפאַרענעם און שאַרפסטן אויג".

נאָך אין מיטן 19טן יאָרהונדערט האָט „דער אינטעליגענטער לייע־נער" נישט ריכטיק פאַרשטאַנען דאָס וואָרט עסטעטיק. דעמאָלט ווי איצט, האָבן אַ סך מענטשן אָנגענומען, אַז עסטעטיק איז נישט הויכע האַרמאָניע, דער מאַניזם פון אינהאַלט און פאָרם אין קונסטווערק, נאָר דאָס שילדערן בלויז שיינע זאַכן. איז ווי נאָר עמעצער האָט געשילדערט אַ מיאוסע זאַך, האָט מען געמיינט, אַז ער ברעכט די קאַנאָנען אין דער עסטעטיק.

לערנער איז אויך אין דעם פּרט געווען זעלבסשטענדיק. ער האָט באַ־וווּנדערט אַקסענפעלדס קענען שילדערן מיאוסע סצענעס, וואָס רופן אין אונדז אַרויס געפילן פון עקל. אַזעלכע געפילן קען מען אין אונדז אַרויס־רופן בלויז דעמאָלט ווען מען זעט ענלעכע געשעענישן אין דער נאַטור, אין דער ווירקלעכקייט. פאַר לערנערן איז דאָס אַ באַווײַז, ווי אמתריק עס איז אַקסענפעלד ד"ה ווי קינסטלעריש ער איז אין זײַנע ווערק. אַק־סענפעלד קען שילדערן „אַי דאָס גוטע אַי דאָס שלעכטע, דאָס שיינע און דאָס מיאוסע, דאָס דערהויבענע און דאָס קאָמישע, טוגנט און זינד". אַלץ און אַלע ווערן בײַ אים „געשילדערט אין יענער פאָרם, ווי זיי ווײַזן זיך און האַנדלען אין דער נאַטור". „אַקסענפעלדס ווערק זײַנען אויף אַזויפיל קינסטלעריש, אַז ס'וועט, נאָך אונדזער מיינונג, נישט זײַן אויף אַ האָר איבערטריבן, אויב מיר וועלן זיך אויסדריקן וועגן זיי מיט די ווערטער פון דעם גרויסן זשאַן פּאָל (ריכטער — נ. ב. מ.), וואָס האָט אין זײַן „פאָרשולע צור עסטעטיק" געזאָגט וועגן העסנערן: „דאָס יעדעס וואָרט, נאַיוו, כאַראַקטעריסטיש, פאַרביק, פעסט און וואָרהאַפט איסט".

און די, טענהט לערנער, וואָס וועלן באַשולדיקן אַקסענפעלדן אין זינד קעגן דער עסטעטיק, „וועלן באַווײַזן, אַז זיי האָבן נאָך נישט קיין קלאָרן און באַשטימטן באַגריף וועגן דער באַדײַטונג פון עסטעטיק". צו

וואָס האָבן טענות צום שרײַבער, וואָס שילדערט די נאַטור אין איר אמתדיקן אויסזען. די טענה דאַרף מען דאָך גאָר האָבן צו דער נאַטור. וואָרן זי האָט דאָך באַשאַפן דאָס מיאוסע, אמת צוזאַמען מיטן שיינעם. ושנית, „ווען עס וואָלט נישט עקזיסטירן אין דער נאַטור דאָס מיאוסע, וואָלטן מיר נישט געהאַט דעם געהעריקן באַגריף וועגן שיינעם, ווײַל, כידוע, מיר קענען בלויז מיטן נעגאַטיוון באַשטימען דאָס פּאָזיטיווע, און, אַזוינאָך, בולטער דערזען דעם אונטערשייד צווישן ליכט און פינצטערניש ווי אויך צווישן אַנדערע עקסטרעמע קאָנטראַסטן, וואָס מוזן צוזאַמען עקזיסטירן אין דער נאַטור".

און דער אויספיר איז, — „דער שרײַבער האָט מיט גאָרנישט געזינדיקט ווען ער האָט געשילדערט דאָס מיאוסע... וואָלט ער זיך דערלויבט אָפּטרעטן פון דערווירקלעכקייט, וואָלט פון זײַן ווערק געוואָרן אויס אמת".

די אַלע געדאַנקען וועגן עסטעטיק אין רעאַליסטישע ווערק ווערן באַקרעפטיקט מיט די בײַשפּילן און באַלײַכטונגען, וואָס לערנער ברענגט פון אַקסענפעלדס ווערק. אַנאַליזירנדיק די נאַרוואָס-געבראַכטע געדאַנקען, שרײַבט ער ווײַטער: עס איז אויך אַ סך ערלעכער וואָס דער קינסטלער דאַרף שילדערן דאָס בייזע און דאָס גוטע. „קונסט פאָדערט פון קינסטלער, ער זאָל אויסמײַדן וועלכע-עס-איז איינזײַטיקייט און ער זאָל זיך האַלטן שטרענג אין דער ווירקלעכקייט". דער קינסטלער דאַרף נישט נאָר שילדערן דאָס לעבן, נישט נאָר טײַטשן, נאָר אויך אורטיילן, משפּטן דאָס לעבן. דאָס איז דעם קינסטלערס אוטיליטאַרישע עובדא. אָבער ער מוז דערגרייכן קינסטלערישע שלימות פון ווערק, כדי נישט אָפּטרעטן פון זײַן ציל, פון זײַן פונקציע, כדי „אַרויסרופן אינעם לייענער סימפּאַטיעס צום ש יי נ ע ם און עקל צום מ י א ו ס ן". דאָס מיינט — מיט דער דאָזיקער רעאַליסטישער עסטעטיק קען דער קינסטלער דערגרײכן אוטיליטאַרישע צוועקן.

און דאָס, מיינט לערנער, דערגרייכט אַקסענפעלד. ראשית, — ער פאַרכאַפּט דעם לייענער, ער הערשט איבער אים. הייבט דער לייענער אָן צו לייענען אַקסענפעלדס ווערק, קען ער זיך שוין פון אים נישט אָפּרײַסן. און טאָמער „דערגייט עס אַמאָל בײַ אים ביז אומנאַטירלעכקייט", איז

עס דערפאר, ווײַל דאָס איז געווען דער מאַניר אין אַלע אייראָפּעיִשע
ליטעראַטורן, וואָס האָט געהערשט אין אַקסענפעלדס צײַטן. אַזוי ווי ער
האָט געשריבן אויסשליסלעך פאַר די מאַסן, האָט ער אויסגענוצט זייער־
גייגער, געלאָזן אויף לעצט די סאַמע אינטערעסאַנטע אויפלייזונג פון
דער אינטריגע. דערווײַל האָט ער געצוווּנגען דעם לייענער לייענען ביז
דער אויפלייזונג און זיך צוקוקן צו דער הויפּט־אידעע.

צו שרײַבן וועגן דערהייבענע דערשיינונגען אין דער נאַטור איז
גאָרנישט אַזוי שווער. מע דאַרף צוליב דעם זיך נישט אויסצייכענען מיט
אַ באַזונדערן טאַלאַנט, מיינט לערנער. אָבער פון פּוסטע, קליינלעכע,
אומבאַדײַטנדיקע זאַכן שאַפן פּאָעטישע בילדער, דאַרף מען זײַן זייער
טאַלענטירט. „דאָס זעלביקע, פאַרענדיקט לערנער, טענהט דער גרויסער
דײַטשער פּאָעט היינע בעת ער רעדט אין דעם צווייטן טייל פון זײַן
„ראָמאַנטישע שולע" וועגן געטען און זײַן פאַוסט און מיר רעכע־
נען פאַר נישט איבעריק צו ברענגען דאָ, מיט אַ קליינער ענדערונג, זײַנע
פיל־באַדײַטנדיקע ווערטער. געטע, זאָגט היינע, איז אַן אמתער קינסטלער.
אין זײַן פאַוסט געפינען מיר די גאַנצע נאַטור, אָנגעהויבן פון אַ
וואָרעם, וואָס קריכט אויף דער ערד, ביזן מלאך, וואָס פליט אין די הימ־
לען. ווען ער מאָלט פאַר אונדז דאָס גרויסע און דער־
הויבענע, קענען מיר נאָך אָננעמען, אַז אויך אַנדערע זײַנען ביכולת
אים נאָכצומאַכן; אָבער ווען ער באַשרײַבט דאָס קליינלעכע
און עקלדיקע אין דער נאַטור, דעמאָלט איז ער פאַר אונדז אומ־
פאַרגלײַכלעך, און מיר קענען בפירוש באַהויפּטן, אַז קיין איינער וועט
נישט קענען דאָס מאָלן אויף אַן ענלעכן אופן..."

אוטיליטאַרער צו זײַן אין לערנערס צײַטן — דאָס איז געווען
גאַנץ נאַטירלעך. אינטערעסירן זיך אָבער, מיט עסטעטישע פּראָבלעמען,
לשם ניצלעכקייט, — דאָס איז געווען אַ זעלטענע דערשײַנונג. נאָך
מערקווירדיקער ווערט דאָס אַלץ ווען מע געדענקט ווי אָרעם עס איז
געווען די ייִדישע ליטעראַטור, ווי אויך דעם קאַמף קעגן מליצה און בט־
לנות אין דער העברעישער ליטעראַטור. דעמאָלט דערשײַנט לערנער
ווי אַ וויכטיקער קריטיקער. אמת, אין בילדונג און טאַלאַנט איז
ער געשטאַנען מיט קעפּ העכער פאַר זײַנע צײַט־חברים. אָבער

דער גרעסטער שבח קומט אים פאַר זײַן אויסגעהאַלטן אין דער קריטיק. נאָכמער — פאַר זײַן זעלבסטשטענדיק. ער האָט אָפּגעוואָרפן די פּי־סאַרעוו־השפּעה. בעת פּיסאַרעוו האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע עסטעטי־שע פראַגעס, האָט לערנער זיך געהאַלטן בײַ עסטעטישע מאָסן, טאַקע און דווקא אין נאָמען פון ניצלעכקייט, אין נאָמען פון טשערנישעווסקים, דאָבראָליובאָווס שילדערן, טײַטשן און משפּטן דאָס לעבן. ער האָט אָנ־געווענדט אין דער קריטיק דעם פּרינציפּ, וואָס פלעכאַנאָוו האָט מיט יאָרן שפּעטער אָנגערופן — די אָביעקטיווע מאָס. מיט אָט דער מאָס האָט ער זיך געמיט צו דערקלערן צי עס איז איינס די פאָרם און די אידעע פון ווערק. מחמת דעם איז ער ניט נאָר אַ פּיאָנער־קריטיקער, נאָר איינער פון אונדזערע אויסגעהאַלטענע און אָביעקטיווע קריטיקער.